UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khesbn no. 47 - June 1967 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/4zx5b0wq

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 47(1)

Author
Admin, LAYCC

Publication Date
1967

Copyright Information
Copyright 1967 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 47

אַרויסגעגעבן פון:

**לאָס אַנגעלעסער אידישער קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז**

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע • סיון, תשכ״ז — יוני, 1967

## אינהאַלט

א. פאָזי: אויפן פרישן קבר פון יצחק סאַפּיאַן ע״ה — 3
געלי זאַקס: לידער — יידיש: ד. ר. בערנפעלד — 5
פּראָפ׳ ח. מ. ראָטבלאַט: מיין געבורט־שטעטל דאָברין — 7
קוי גאָלדבערג: ניט זאָג אַז דו ביסט קליין (ליד) — 13
פּינטשע בערמאַן: צוויי לידער — 14
שלמה סיימאָן: די צייטלאָזיקייט פון תנ״ך — 15
יוסף לעפּטוויטש: לידער — 20
י. א. אבודין: די צוקונפט פון אַמעריקאַנער יידישקייט — 21
משה גורין: לידער — 29
אהודה רונת: לידער — 30
ז. בונין: דער זיווג (דערציילונג) — 31

### שרייבער און ביכער

יהזקאל בראָנשטיין: רחל ה. קאָרן — 38
צבי שטאַק: מלכה חפץ־טוזמאַנס לידער — 44
שלמה סיימאָן: מאַטעס דייטש און זיין גאַנג צו דער אייביקייט — 46
א. ישראלי: נייע ביכער און קולטור־נייעס — 49
יצחק ניומאַן: די מגילות פון ים המלח — 52
מלכה לי: נעם ניט צו (ליד) — 53

### קונסט און קינסטלער

זלמן זילבערצווייג: מאָריס מייסאָן — דער אידעאַליסטישער טעאַטראַל — 54
לייזער מעלצער: אין און אַרום צפון־קאַליפאָרניע — 57

### לזכרון נצח

משה ווייסמאַן: מיינע זכרונות וועגן גאָלדע דראָזד — 59
ברכה קודלי: אַ בוים וואָס וויינט אויף אַ קבר (ליד) — 61

**HESHBON**
*Quarterly Literary Review*
A. POSY, Editor
S. BUNYAN, Secretary
7327 El Manor Ave. • Los Angeles, Calif. 90045 • Tel. 776-1956
**Subscription Price: $3.00 per year**
PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען
אַריה פאָזי, רעדאַקטאָר
יוסף וויינמאַן, פאַרוואַלטער — ז. בונין, סעקרעטאַר
13טער יאָרגאַנג, נומער 47 • סיון תשכ״ז, יוני 1967 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

## אויפן פרישן קבר פון יצחק סאַפּיאַן ז״ל



ס׳איז געווען אַ מענטש — און ניטאָ אים מער,
און זיין לעבנסבילד איז אָפּגעהאַקט אין מיטן —
און ווי, ער האָט דאָך נאָך אַ ליד געהאַט,
און פאַרלוירן איז דאָס ליד אויף אייביק,
פאַרלוירן אויף אייביק.

**ח. נ. ביאַליק**

קומט דער האַרבסט, פאַלן בלעטער. האָט אָבער נאַטור — דער שעפערישער קונסט־אויסדרוק פון גאָט — באַשאַנקען יעדן באַזונדער בלאַט מיט דער קענטשאַפט איינצוזאַמלען אין זיך אין משך פון פרילינג בליציים און זומערדיקן רייף־ווערן — אַן עשירות פון הערלעכקייט, שיינקייט און פּראַכט, אַרויסצוזינגען עס שפּעטער אין אַלערליי בונטע קאָלירן און פאַרבן.

דאָס שאַפט די וואונדערלעכע מעלאָדיע פון דער סימפאָניע פון האַרבסט.

און ווען די לעצטע טענער פון דער סימפאָניע זיינען שוין אויסגעשפּילט, און דאָס ליכט פון הימל הייבט אָן טונקלען זיך, לאָזן איבער בלעטער קנאָספּן אין זייער שטאַם — פאַר דעם נייעם דור די סימפאָניע איבערצושאַפן, און זיי אַליין, מיד און זאַט מיט איבערלעבענישן, פאַלן אַרונטער צו נייטיקער רו.

ס׳איז דער גייסט פון נאַטור — קיין מאָל ניט אומצוקומען, זיך פאָרצוזעצן אין אייביקער באַנייאונג, אין אייביקן ווידערגעבורט, אין באַנייטע סימפאָניעס פון קלאַנג, פאַרב און געשטאַלטונג, און ווער עס איז שוין מיד, זאָל גיין צו זיין רו, און שפּראָץ זאָל זיך אָנהייבן אויף דאָס ניי.

ווי איז אָבער ווען דאָס בלאַט פאַלט פון דעם בוים פריציייטיק; ווען עשירות האָט ער שוין יאָ איינגעזאַמלט, אָבער האָט נאָך ניט געהאַט די הנאה צו באַצירן זיך אין אירע בונטע קאָלירן.

ווי איז ווען די סטרונע ביי דעם קלעזמער פּלאַצט אין מיטן, נאָך איידער עס איז אויסגעשפּילט די מוזיקאַלישע סימפאָניע.

און **יצחק סאַפּיאַן** איז דאָס בלאַט פונעם בוים, וואָס איז פּריצייטיק אַראָפּגעפאַלן, און נאָך איידער ער האָט אַרויסגעוויזן די בונטע קאָלירן, וואָס זיינען אין אים געווען פאַרהוילן; ער איז די פידל, וועמענס סטרונעס האָבן געפּלאַצט איידער די מעלאָדיע איז אויסגעשפּילט געוואָרן.

* * *

איז דאָס ביז איצט אַרויסגעזאָגטע מליצה ?

פאַר די וואָס האָבן יצחק סאַפּיאַנען ניט געקענט, קען עס טאַקע אַזוי אויסווייזן זיך. אָבער ניט אַזוי פאַר די וואָס האָבן אים נאָענט געקענט.

זיינע נאָענטע פריינד האָבן אין אים דערקענט קודם כל דעם וואונדער־לעכן מענטש; דעם גרויסן הומאַניסט, וואָס האָט ממש געקענט מוסר־נפש זיין זיך בכדי צו העלפן אַ חבר אין נויט; דעם גרויסן מכנים אורח; דעם טיף־באַוואוסטזיניקן ייד און קולטור־מענטש, וואָס יידישקייט און קולטור האָבן זיך אין זיין באַוואוסטזיין צוזאַמענגעוועבט אומשיידבאַר; דער מענטש מיט דער נשמה־יתירה פון אַן עכטן קינסטלער. און אַ קינסטלער איז **יצחק סאַפּיאַן** בפירוש געווען.

פאַר קונסט זיינען געגעבן אַלערליי אופנים פון אויסדרוק: דורך ליד, דורך פאַרב, דורך ניגון, דורך טאַנץ; אָבער עכטער קינסטלערישער אויסדרוק קען געמאָלט זיין, אַז אין דרויסן זאָל ער גאָר ניט אַרויסקומען — ער דריקט זיך אויס אין די טיפע נשמה־איבערלעבונגען, אין התבודדות, אין יחידישער באַ־העפטונג מיטן מקור פון אַלע מקורות און אינטימע געפילן, וואָס ווערן איבער־געגעבן צום כלל ניט דורך אַבסטראַקציע, נייערט דורך מעשים טובים.

און אַזאַ עכטער קינסטלער איז געווען יצחק סאַפּיאַן. ער איז ניט געווען קיין שרייבער, הגם ער וואָלט עס געקענט זיין, און ווען ער האָט יאָ געשריבן — ניט לשם פּירסום, נייערט אין בריוו צו פריינד — האָט ער אַרויסגעוויזן עכט־קינסטלערישן סטיל, וואָס אַ סך פּראָפעסיאָנעלע שרייבער וואָלטן געמעגט גיין צו אים אין חדר; ער איז ניט געווען אַ בעל־מנגן און אויך ניט אַ מאָלער, דער עכטער קינסטלער איז ער יאָ געווען — דער קינסטלער פון גייסטיקייט וואָס איז געשטיגן ביז גאָר הויכע מדרגות.

אַ משל, צו וואָס איז דאָס געגליכן:

אין אַ יידישער פאָלקס־מעשה ווערט דערציילט וועגן איינעם אַ צדיק גמור, וואָס האָט געפאָדערט פונעם רבש״ע ער זאָל בטל מאַכן זיין גזירה. דער צדיק איז געווען אַזוי איבערפילט מיט אהבת ישראל, אַז ער איז געווען גרייט אפילו צו קריגן זיך מיטן בורא־עולם. און דער צדיק האָט געפועלט: עס איז אַרויטגעקומען אַ בת־קול פון הימל און האָט אים מודיע געווען אַז זיינע טענות האָבן געווירקט אויף די עולמות העליונים. די גזירה וועט בטל ווערן, אָבער ער וועט דערפאַר דאַרפן באַצאָלן מיט זיין עולם הבא. האָט דער צדיק פון גרויס שמחה אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגערופן: איך דאַנק דיר, גאָטעניו, פון איצט אָן און ווייטער וועל איך דיך שוין קאָנען דינען שלא על מנת לקבל פרס (פריי, און ניט בכדי באַלוינט צו ווערן).



אין אָט־דער בחינה איז געווען **יצחק סאַפּיאַן**. ער איז געווען דער דאָזיקער אידעאַליסט, וואָס וואָלט לטובת הכלל געקענט מבטל זיין זיין אייגענעם נוצן.

חיים נחמן ביאַליק האָט אַמאָל דערציילט וועגן מענדעלע מוכר ספרים אין זיינע עלטערע יאָרן. רעדנדיק וועגן טויט פלעגט דער זיידע אָפט מאָל פאַנטאַזירן: אַז אַ קינד ווערט געבוירן, פרייען זיך טאַטע־מאַמע, קרובים, פריינד... מזל־טוב, מזל־טוב... אָבער עס קאָן דאָך זיין, אַז אין אַן אַנדער וועלט, פון וואַנען דאָס נייע נפשל איז „נפטר געוואָרן", בכדי געבוירן צו ווערן, רייסט מען אין דער זעלבער צייט קריעה און מען זיצט שבעה... און דאָס זעלביקע קען זיין, קומט פאָר, בשעת איינער שטאַרבט ביי אונדז. מיר באַוויינען און באַקלאָגן דעם מת; אָבער ווער קען אונדז באַווייזן, אַז אין דער אַנדער וועלט, וואוהין דער מת איז „אַריינגעבוירן געוואָרן" דורך זיין שטאַרבן, טרינקט מען ניט לחיים? מזל־טוב! ס'קאָצל קומט! קלעפּט אָן שיר־המעלותן אויף דער וואַנט, אַז מזיקים און מחבלים זאָלן אויפן תינוק הנולד קיין שליטה ניט האָבן...

נו, קען זיין אַ מענדעלע איז געווען גערעכט: קען זיין, אַז אויף „יענער וועלט" פרייט מען זיך מיט יצחק סאַפּיאַנס „אָנקום". אָבער פון אונדז, אויף דער וועלט, איז ער אַוועק; ביי אונדז פעלט ער אויס; ביי אונדז איז דורך זיין שיידן זיך געבליבן אַ חלל; מיר דאָ הי רייסן קריעה און זיצן שבעה...

**תהי נשמתו צרורה בצרור החיים.** **א. פאָזי**

---

**נעלי זאַקס** / שטאָקהאָלם　　　　ייִדיש: ד. ר. בערנפעלד / לאָנדאָן

# כ אָ ר  פ ו ן  ד י  י ת ו מ י ם

מיר, יתומים,
מיר קלאָגן פאַר דער וועלט:
אָפּגעהאַקט האָט מען אונדזער צווייג
און געוואָרפן אים אין פייער.
ברענהאָלץ האָט מען געמאַכט פון אונדזערע באַשיצערס —
מיר, יתומים, ליגן אויף די פעלדער פון איינזאַמקייט.

מיר, יתומים,
מיר קלאָגן פאַר דער וועלט:
ביינאַכט שפּילן זיך אונדזערע עלטערן אין באַהעלטערלעך מיט אונדז —
הינטער די שוואַרצע פאַלדן פון דער נאַכט
קוקן אונדז אָן זייערע פּנימער,
ריידן צו אונדז זייערע מיילער:
האָלץ פאַרדאַרטס זיינען מיר געווען אין דעם האָלצהעקערס האַנט —
אָבער אונדזערע אויגן זיינען געוואָרן אויגן פון מלאָכים
און קוקן אייך אָן,
דורך די שוואַרצע פאַלדן פון דער נאַכט
קוקן זיי אַדורך.

מיר, יתומים, מיר קלאָגן פאַר דער וועלט :
שטיינער איז געוואָרן אונדזער שפּילוואַרג,
שטייביזן' האָבן פּנימער,, פּנימער פון טאַטע און פון מאַמע,
זיי ווערן ניט פאַרוועלקט ווי בלומען, זיי בייסן ניט אַזוי ווי חיות —
און זיי ברענען ניט ווי דאָרנהאָלץ, ווען מען וואַרפט זיי אַריין אין אויוון.

מיר, יתומים, מיר קלאָגן פאַר דער וועלט :
וועלט, פאַרוואָס האָסטו אונדז צוגענומען די ווייכע מאַמעס
און די טאַטעס וואָס זאָגן : קינד מיינס, דו ביסט אַזוי ווי איך ! ?
מיר, יתומים, זיינען צו קיינעם ניט מער געגליכן אויף דער וועלט !
ווײ וועלט,
מיר קלאָגן דיך אָן !

# דאָס קול פון הייליקן לאַנד

אוי, קינדער מיינע,
דער טויט איז געפאָרן דורך אייערע הערצער
ווי דורך אַ ווייִנגאָרטן —
געמאָלן ישראל רויט אויף אַלע ווענט פון דער ערד.

ווי זאָל אַנטרינען די קליינע הייליקייט
וואָס וואוינט נאָך אין זאַמד ?
דורך די רערן פון אָפּגעזונדערטקייט
ריידן די שטימען פון די טויטע :

לייגט אַוועק אויפן פעלד דאָס כלי־זיין פון נקמה
כדי זיי זאָלן זיך איינשטילן —
וואָרן אויך אייזן און קאָרן זיינען שוועסטער און ברודער
אין שויס פון דער ערד.

וואוהין זאָל דען אַנטרינען די קליינע הייליקייט
וואָס וואוינט נאָך אין מיין זאַמד?

דאָס קינד, דערהרגעט אין שלאָף,
שטייט אויף; בייגט אַראָפּ דעם בוים פון די יאָרטויזנטער
און טוט העפטן דעם ווייסן אָטעמדיקן שטערן,
וואָס האָט אַמאָל געהייסן ישראל,
צו זיין קרוין.
גלייך דיך ווידער אויס, זאָגט עס,
אַהין־צו, וואו טרערן באַטייטן אייביקייט.



פּראָפּ. ח. מ. ראָטבלאַט

# מיין געבורטס־שטעטל דאָברין ביים ווייסל

מיין געבורטס־שטעטל דאָברין איז געוועזן באַרימט, כביכול, מיט אירע פעטלײמיקע בלאָטעס און מיט אירע יאַזגערלעך, קליינע שטעכעדיקע פישלעך, מער גרעטן ווי פיש־פלייש, וואָס זיינען געוועזן א מאכל מלכים פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, דעם רוב איינוואוינער פון שטעטל...

טאָמער האָבן מיר מיינע חברים אין דער ישיבה געוואָלט אַרייִנקיבוצן האָבן זיי מיר גערופן „דאָברינער יאַזגער" און איך האָב בשעת מעשה געטראַכט, אין די הונגעריקע טעג: „הלוואַי וואָלט איך איצט געהאַט אַ שיסעלע יאַזגערלעך, וואָלט איך מיך מחיה געווען," אָבער איך האָב מיך פאַררויטלט ווי אַ רויטער זאַפטיקער בוראַק פון די פעטע ליימיקע פעלדער און גערטענדלעך אַרום אונדזער שטעטל.

אויב די יאַזגערלעך זיינען געוועזן אַ ברכה פאַר די אביונים פון שטעטל, זיינען אָבער די בלאָטעס געוועזן אַן אמתדיקע קללה; אין די האַרבסט־רעגנס האָבן זיי אָפּגעשניטן דאָס שטעטל פון אַלע מקורות פון חיונה, ממש אין יוצא ואין בא, און דער דלות האָט געהוליעט אין די אָרעמע הייזלעך. די געוועלבלעך האָבן געפּוסטעוועט אָן אַ קונה און די אָרעמע דאָרפסגייער האָבן אויסגעגעבן די לעצטע פּרוטות, און אין מוח האָט געעגבערט אַ שווערע און ביטערע קשיא: „ואם תאמר מה נאכל?"

די שווערע רעגנס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די צעפוילטע דעכלעך פון די אַלטע הייזלעך, וואָס זיינען געשטאַנען בנס, פאַרפלייצנדיק די בעטן און דאָס בעטגעוואַנד, און יאוש האָט פאַרפולט די הערצער. ס'האָט גערונען פונעם סופיט און פון די אויגן האָבן זיך געגאָסן ביטערע טרערן.

אין די ביטערע טרויעריקע טעג און נעכט האָבן די יידן זיך מחיה געווען מיט אַ בלאַט גמרא, מיט אַ קאַפּיטל תהלים, אַ שטיקל מעמדות — יעדער לויט זיינע ידיעות; מען האָט פאַרגעסן דעם דלות, געשוועבט אין די עולמות העליונים און חי געלעבט ! . . . .

האָט טאַקע אונדזער שטעטל געדאַרפט זיין באַרימט מיט דער גרויסער צאָל פון אירע למדנים און מיט אירע האַרציקע יראת־שמימדיקע פאָלקסמענטשן, נישט מיט אירע בלאָטעס און יאַזגערלעך. ס'קאָן גוזמא געזאָגט ווערן, אַז אונדזער שטעטל דאָברין, וואָס איז געוועזן אַזוי קליין ווי אַ „טל ומטר" אין אַ קליין סידורל, האָט געהאַט פּראָפּאָרציאָנעל מער למדנים ווי אַנדערע קליינע שטעטלעך אין פּוילן און יעדוועדער פון זיי איז געוועזן אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון און בעט זיך ממש רחמים : פאַרצייכן מיך לדורות! און דאָס אייגענע קאָן געזאָגט ווערן וועגן די פּשוטע מענטשן, אָבער, ליידער, איז דאָס רעמעלע צו קליין פאַר אַזאַ אַרבעט.

איך וועל בקיצור דערמאָנען אייניקע טיפּן פון די צוויי קאַטעגאָריעס און מער באַריכותדיק פאַרצייכענען די, וועלכע האָבן באַווירקט מיין יוגנט־פאַנטאַזיע, מיין מוח און מיין האַרץ, און זיי שוועבן פאַר מיינע אויגן, נישט ווי שאָטנס פון אַמאָל, נאָר ווי לעבנס־באַגלייטער. . .

אָט, למשל, די צוויי אַזוי פאַרשיידענע צווישן זיך למדנים פון אונדזער שטעטל: ר' יוסף הירש סאָלאָטשינקע און ר' משה לייב קופּעלד.

דער ערשטער, ר׳ יוסף הירש, איז געוועזן די פאַרקערפערונג פון גוטסקייט, באַרמהערציקייט, אַ מענטש אָן אַ גאַל, אַן אמתדיקער פאָלקס־למדן, נישט געהאַלטן זיך גרויס, געוועזן „פאַן־בראַט“ מיט יעטוועדן פשוטן יידן, אַ פאָטער צו אַלע ליידנדיקע און אביונים; אַ באַזונדערע שוואַכקייט האָט ער געהאַט פאַר די בכבודע אָרעמעלייט פון שטעטל, וועלכע זיינען גרייט געוועזן צו מאַכן שבת אַן „המוציא“ איבער אַ שטיקל ראָזאָווע ברויט, כדי נישט אויסצושטרעקן די האַנט נאָך אַ נדבה...

יעטוועדן דאָנערשטיק האָט ער געקלאָפט אין די טירן און געזאַמלט געלט פאַר עניי העיר, אַז זיי זאָלן האָבן אַלע הצטרכותן אויף שבת. קיינער, אפילו די גרעסטע שקצים פון שטעטל, האָבן נישט פאַרלאַנגט פון אים קיין דין־וחשבון וויפיל געלט ער זאַמלט, ווי אַזוי ער צעטיילט עס. מ׳האָט אים אָנגעטרויט די געזאַמלטע בידנע סומעס און יעדערער האָט געפילט בחוש, אַז ער איז די פאַרקערפערונג פון יושר און רחמים, ער וועט קיינעם נישט באַ׳עוולה׳נען.

און נישט נאָר האָט ער געזאָרגט פאַר דער בידנער חיונה פון די בכבודע און פשוטע אָרעמעלייט, נאָר טאַקע אויך פאַר זייער גייסטיקער חיונה — ער האָט מיט זיי געלערנט אַ פרק משניות, אַ שטיקל „חיי אדם“, אַ ברעקל „עין יעקב“ און טאַקע מיט מסירות־נפש און אין־סופיקער ליבשאַפט אָן אַ ברעקעלע טובת הנאה. טאָמער האָט אים איינער פון זיינע תלמידים געוואָלט מהנה זיין מיט אַ גלעזעלע בראָנפן, האָט ער נישט געוואָלט הערן אפילו, און ער האָט בפירוש טאַקע ליב געהאַט אַ לעק בראָנפן: געבן זיך, זיין צייט, דאָס דאַרף אַ מענטש — אָבער נעמען באַלוינונג איז נישט מענטשלעך.

איין מאָל אין יאָר האָבן אים די תלמידים מהנה געווען און זיך משמח געווען מיט אים — אין שמחת תורה. אין דעם טאָג האָבן אים די פשוטע יידן געטראָגן אויף זייערע אַקסלען פון זיין הייזל ביז צום בית המדרש, וואו ער האָט מיט זיי תורה געלערנט און מען האָט אויסגעליידיקט אַ גאַנץ פעסל ביר... און ס׳איז געווען ששון ושמחה...

ער האָט געזאָרגט פאַר די עניי העיר און אַליין איז ער געווען אַ קבצן גדול ונורא. געוואוינט האָט ער אין אַ שטיבל דלת־על־דלת, דאָרטן איז געווען זיין געוועלבל, וואָס מען האָט עס געקענט אָפקויפן מסתמא פאַר דריי רובל; דאָרט האָט ער געלערנט מיט אייניקע יונגע בחורים תלמוד, גמרא מיט רש״י, אפילו פון תוספות האָט ער נישט פיל געהאַלטן, און ער איז געווען אַ פאָטער צו זיינע תלמידים, וועלכע ער האָט געלערנט פריי אָן שכירות.

כ׳געדענק, אַז איין מאָל אין אַ פראָסטיקן פרימאָרגן האָט ער אָנגעקלאַפט אין פענסטער, וואו ס׳איז געשטאַנען מיין שלאָפבאַנק און האָט מיך געוואָרנט, אַז כ׳זאָל למען השם נישט קומען צום שיעור אָן אַ שאַל אויפן האַלדז, ווייל ס׳איז דרויסן אַ קנאַקעדיקער פראָסט... כאָטש דעם אמת זאָגנדיק האָט דער פראָסט אויך געקנאַקט ביי אים אין שטיבל און מיר האָבן געלערנט אין אונדזערע וואַטאָווע בגדים.

און אַזוי ווי ער איז געווען די סאַמע גוטסקייט, אַזוי איז זיין ווייב געווען אַן אמתע מרשעת, און ווען ער האָט שוין נישט געקענט אַריבערטראָגן איר רשעות, האָט זיך אַ קללה אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט: „מומע רבקה (מרים רבקה) האָב אַ גוט יאָר!“ און בשעת מעשה האָט ער אַוועקגעבלאָזן דעם רויך פון זיין פאַפיראָסל און זיין כעס איז פאַרשוואונדן מיטן רויך...

נישט קיין וואונדער אַז אַלע האָבן אים ליב געהאַט און די גוים פון שטעטל און פון די נאָענטע דערפער, זיינע געטרייע קונים, האָבן אים גערופן: „פאָדראַבין“, ד.ה.



דיין, כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט געפסקנט קיין שאלות.

און טראָץ זיין דלות און זיין דחקותדיק לעבן (מער ווי איין בגד האָט ער נישט געהאַט. ווינטער האָט ער צוגעטשעפעט צו אים אַן אויסגעקראָכן פעלצל און אין די זומער־חדשים איז דאָס שטיקל פוטער אָפגעטרענט געוואָרן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זומער־כאַלאַטל) האָט אַ נאַטירלעכער קוואַל פון שמחה און הומאָר געשטראָמט פון אים און אין די ביטערסטע טעג פון זיין לעבן — און געהאַט האָט ער זיי אָן אַ שיעור — האָט זיך קיין קרעכץ נישט אַרויסגעריסן פון זיין מויל.

מיין מוטער ע״ה האָט מיר דערציילט אַן אינטערעסאַנטן עפיזאָד פון זיין לעבן: נאָך מומע רבקהס טויט האָט זי אים געוואָלט אָפקאָכן כאָטש איין מאָלצייט אַ טאָג, האָט ער שמייכלענדיק איר געדאַנקט און געזאָגט: „זעסט, מלכה דבורה טייערינקע, יוסף הירש האָט צוויי פאָלעס, איינע אַ פליישיקע און די צווייטע אַ מילכיקע; מיט דער ערשטער פאָלע נעם איך אַראָפ פון דער פייערקע דאָס פליישיקע טעפל און מיט דער צווייטער — דאָס מילכיקע טעפל! נו, אַדרבה, זאָג־זשע מיר, דאַרף איך הילף?“

ר׳ משה לייב קופעלד איז געווען דער היפוך פון ר׳ יוסף הירשן: ראשית־כל איז ער געווען אַ גביר און טאַקע אַ למדן מופלג, אַן אַריסטאָקראַט, וואָס האָט פיינט געהאַט דעם פראָסטן עולם, די בעלי־מלאכות, און אַ גרויסער תקיף, אפילו דער רב פון שטעטל האָט פאַר אים געציטערט, און דערצו אַ גרויסער קנאי, יעטוועדער מנהג קל שבקלים איז פאַר אים געווען תורת משה, און יעטוועדע אָפנייגונג פון אים — אַ פאַרברעכן.

ער האָט קיינעם נישט געשוינט, אפילו נישט קיין למדן. כ׳געדענק אַז ר׳ גרשון קוטנער איז געקומען אין חסידים־שטיבל אָנגעטאָן אין אַ קליין היטעלע, האָט ר׳ משה לייב, וואָס האָט געהאַט גרויס רעספעקט פאַר זיין למדנות, אים גוט־ברודעריש אויסגעמוסרט, אַז „ער גייט, רחמנא ליצלן, אַרום בגלוי ראש“...

און אַז זלמן קצב האָט געהאַלטן (נישט געצונדן) אַ ליכט אום שבת, און דער רב איז דעם שבת געווען ביים רבין אין גער, האָט אים ר׳ משה לייב געאַסרט די יאַטקע און דער קצב האָט געמוזט קומען נאָך דעם חודש פון איסור, אין די זאָקן, אין בית המדרש און זיך מתוודה זיין אויפן חטא פון חילול שבת...

ר׳ משה לייב איז געווען בכלל כולו דין, כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער בעל מידות, אַ בעל־צדקה און אַ מכניס אורחים און אויך אַ גרויסער מרביץ תורה; אַליין געלערנט יומם ולילה און טאַקע אויך מיט תלמידים.

מען האָט אים אין שטעטל שטאַרק מכבד געווען, אָבער נישט ליב געהאַט. זיין תפילה האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. אָט זע איך אים, איינגעהילט אין טלית פון קאָפ ביז צו די פיס. ער האָט זיך נישט געשאָקלט ביים דאַווענען נאָר געשטאַנען ווי צוגעשמידט צו זיין פלאַץ נעבן אָרון־קודש. זיינע ליפן האָבן זיך באַוועגט, נאָר זיין קול האָט זיך נישט געהערט. ער איז געשטאַנען בדחילו ורחימו, ווי אַ שקלאַף פאַר זיין האַר.

און אַ דריטן למדן וויל איך דערמאָנען: ר׳ הירש פראַשקער, דער פאָטער פונעם באַוואוסטן וולאָצלאַווקער גביר, דעם גערער חסיד — סיני פראַשקער.

ר׳ הירש פראַשקער איז געווען גאָר אַ גרויסער למדן, אַ חריף און אַ בקי און דערצו אַ משכיל. אין זיין הויז האָט איר געפונען דעם „המליץ“ און די „הצפירה“, די „נאָוואַ גאַזעטאַ“, דעם „בערלינער טאַגעבלאַט“ און ער איז געווען דער איינציקער בעל מדקדק אין שטעטל. חוץ

דעם האָט ער געפירט גרויסע געשעפטן און גאַנצע טעג אַרומגעפאָרן אין די דערפער, געהאַנדלט מיט די פּריצים, וועלכע האָבן אים שטאַרק רעספּעקטירט פאַר זיינע לינגוויסטישע ידיעות און פאַר זיין ערלעכקייט און פּינקטלעכקייט.

ווען ער האָט צייט געהאַט צו לערנען תורה איז פאַר מיר אַ רעטעניש ביז צום היינטיקן טאָג, אָבער קיינער האָט נישט געצווייפלט אין זיין למדנות. אונדזער רב פון שטעטל, וועלכער איז, אגב, נישט געווען קיין גרויסער למדן, האָט פּשוט מורא געהאַט זיך מתפלפל זיין מיט אים אין לערנען.

ר׳ הירש פראַשקער איז געווען אין מיינע יוגנט־יאָרן די לעבעדיקע צייטונג פון שטעטל: ווען ער האָט זיך אַמאָל אַריינגעכאַפּט אין בית־המדרש צו מנחה ומעריב האָבן אים די יידן אַרומגערינגלט ווי די בינען און זיך געבעטן: „ר׳ הירש, וואָס הערט זיך עפּעס אין דער וועלט, און וואָס שרייבן די בלעטער?“

און ר׳ הירש האָט זיי מסביר געווען סאָקאָלאָווס אַ מאמר „ועל המדינות בו ייאמר“ און די למדנים־בטלנים און די פּשוטע יידן בעלי־מלאכות זיינען געשטאַנען פאַרגאַפט און געשעפּטשעט: „אָט דאָס הייסט תורה וגדולה במקום אחד! אַ לעבן אויף אים!“

און אַז מ׳רעדט וועגן למדנים משכילים מוז איך דערמאָנען אויך דוד לעדערבערג, וועלכער האָט געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון, און האָט געקענט איבערדערציילן אַ טויזנט־זייטיק בוך בנשימה אחת. ער איז געווען אַ גרויסער קענער פון אונדזער געשיכטע און פון אַלגעמיינער געשיכטע, און כאָטש ער האָט נישט געקענט קיין דקדוק, האָט ער געשריבן אַ מוסטער־האַפטן העברעאיש.

ער האָט באַרייזט די וועלט, געווען אפילו אין אויסטראַליע און האָט געקענט אַביסל ענגליש, קאָקעטירנדיק דערמיט, אָבער די לאַנדסשפּראַך איז פאַר אים געווען היעראָגליפן, און אַ באַקאַנטער הויכגעבילדעטער פּריץ פון דער סביבה, וועלכער האָט ליב געהאַט צו שמועסן מיט אים, האָט אים אַמאָל געפרעגט: „פּאַניע לעדערבערג, ווי קומט דאָס, אַז אַזאַ געבילדעטער ייד ווי איר זאָל נישט קענען קיין פּויליש?“

האָט ער אים געענטפערט מניה וביה: „און ווען כ׳וואָלט געקענט פּויליש, וואָלט איך נישט געווען קיין פאַרשיווער זשיד?“

און נאָך אַ משכיל מוז איך דערמאָנען: נתן ברעכער, וועמענס פאַמיליע געפינט זיך אין ישראל. געווען איז ער אַ ליפּנער, רעוואָוינט אייניקע יאָר אין אונדזער שטעטל און געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף דער יוגנט.

ער איז געווען דער אידעאַליסט פון שטעטל — זיין ליבע צום ציוניסטישן אידעאַל און צו דער העברעאישער שפּראַך זיינען געווען דער אינהאַלט פון זיין לעבן. ער האָט זיך ממש מוסר־נפש געווען פאַר זיי. זיין ליבלינג איז געווען דער נאַציאָנאַל־פאָנד. בכדי צו קריגן אייניקע גראָשן אָדער גילדן פאַר דעם פאָנד, האָט ער פאַרנאַכלעסיקט זיינע געשעפטן.

דער וולאַצלאַווקער רב הגאון ר׳ יהודה לייב קאָוואַלסקי ז״ל, וועלכער האָט אויך מקריב געווען זיין קאַריערע און לעבן צוליב דעם ציוניזם, האָט אים אַמאָל געפרעגט:

„נתן, וויפיל זאַמלסטו אַ יאָר פאַר דעם נאַציאָנאַל־פאָנד?“

„צוויי הונדערט רובל, אויב כ׳האָב מזל!“

„אפשר וואָלט געווען אַ יושר, אַז דו זאָלסט געבן פון דיין קעשענע די סומע און ניט רואינירן דיין פאַמיליע?“ האָט אים הרב קאָוואַלסקי געפרעגט.

„רבי, וואָס רעדט איר? אַז אַ ייד גיט מיר אַ פאָר גראָשן פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, הערט ער פון מיר וועגן ציוניסטישן אידעאַל און איך פיל, אַז ער גיט מיר אויך אַ פונק פון זיין נשמה, און דאָס איז פאַר מיר דער עיקר, נישט די עטלעכע גראָשן!“



און הרב קאָוואַלסקיס נבואה איז, לייד־דער, מקוים געוואָרן: ער האָט פאַרלוירן די לעצטע פּרוטה און איז געוואָרן אַ משולח פאַרן אָדעסער קאָמיטעט פון די „חובבי ציון“ און ער האָט זיך געפילט אין זיין נייער ראָל ווי אַ פיש אין וואַסער.

ער האָט געלעבט ווי אַ קדוש און געשטאָרבן ווי אַ קדוש: דורך דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, האָט מען ביי אים אין קעשענע געפונען אַ טריף־פּסול, די מאַפּע פון ארץ־ישראל, און פאַר אָט־דעם גרויסן פאַרברעכן האָט מען אים דערהרגעט. אַזוי האָט מען דער־ציילט אין וולאַצלאַווקער ציוניסטישע קרייזן.

ביז מיין לעצטן אָטעם־צוג וועט זיין ליכטיקע געשטאַלט שיינען און לייכטן פאַר מיינע אויגן.

די רשימה פון די למדנים איז ווייט נאָך ניט אויסגעשעפּט און כ׳וואָלט געקאָנט מאריך זיין, אָבער די פּשוטע האַרציקע פאָלקס־מענטשן, וועלכע זיינען געווען דער רוב מנין און רוב בנין אין מיין שטעטל פאָדערן מיט אַ רעכט אַ פּלאַץ אין די זכרונות.

מיר וועלן מכבד זיין מיט דער ערשטער עליה דעם שטאַרקסטן ייד פון שטעטל, וועלכער איז געווען דער איינציקער ייד, וואָס האָט נישט געקענט קיין עברי: יעמוד הירשקע, דער גרויסער טייוול, להיפוך צו זיין ברודער אברהמקע, דער קליינער טייוול, וועלכער איז נישט געווען אַזאַ גיבור, טאַקע אויך נישט אַזאַ עם־הארץ, ער האָט שוין געקענט דאַווענען.

הערשקע טייוול איז געווען אַ טרעגער און האָט מקיים געווען דעם פּסוק: „בזיעת אפּיך תאכל לחם“ טאַקע כדת וכדין: ווער ס׳האָט נישט געזען הירשקען שלעפּן אויף זיין רוקן אַ פאַס (נישט קיין פעסל!) הערינג און פון פראָנט אַן אַנדערע גרויסע משא, פון ווייסל ביז אין שטעטל (אַ מהלך פון קנאַפּע צוויי וויאָרסט), קלעטערן אויף די בערג, זיך דראַפּען אויף אַלע פיר אין די פּעטע ליימיקע בלאָטעס, האָט נישט געזען קיין שווערע אַרבעט, כ׳וואָלט געזאָגט: קיין עבודת הקודש, הייליקע אַרבעט!

און דער פּשוטער ייד, וואָס האָט נישט געקענט לייענען אַ שייטל „עברי“, האָט זיך אויסגעלעבט יידישלעך און מענטשלעך, אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. האָט אַ ייד געדאַרפט אַ גמילות־חסדל (און ווער האָט דאָס נישט געדאַרפט?) האָט הירשקע אים געבאָרגט ביז די לעצטע פּרוטה; און אָפּגעהיט האָט ער אַלע מצוות ווי אַ כשרער ייד.

כ׳געדענק אַז אַמאָל, חמישה־עשר בשבט, איז ער אַריינגעקומען אין אונדזער געוועלבל און זיך געווענדעט צו מיין פאָטער ע״ה בזה הלשון: „ר׳ חאַצקל, ווייזט מיר אַ פייג,“ האָט אים מיין פאָטער, אין שפּאַס, געוויזן אַ „פייג“ מיט די פינגער. האָט הירשקע געשטאַמלט און געזאָגט: „כ׳וויל אַן אמתע פייג צו מאַכן אַ ברכה!“ מיין פאָטער האָט זיך פאַרשעמט, אים איבערגעבעטן און טאַקע מכבד געווען מיט די די בעסטע פייגן: „עס און האָב הנאה פון אַ מצוה!“ הירשקע האָט זיך מחיה געווען פון כיבוד און האָט בושהדיק געשטאַמלט: „ר׳ חאַצקל, מאַכט שוין טאַקע מיט מיר די ברכה, וועל איך האָבן אַן אמתע מצוה!“ מיין פאָטער האָט מיט גרויס כוונה געמאַכט די ברכה און הירשקע האָט נאָכגעזאָגט נאָך מיט מער כוונה. ער האָט געקויפט אַביסל פּירות פאַר זיין ווייב זאָשע — זאָל זי אויך הנאה האָבן פון די ארץ־ישראלדיקע פּירות... איך האָב זיך בשעת מעשה געטראַכט, אַז די חכמי תלמוד

האָבן זייער טרעפלעך געזאָגט: „אפילו ריקנים שבך מלאים מצוות כרימון“ — אפילו יידן ליידיקע פון תורה, זיינען פול מיט מצוות ווי אַ מילגרוים מיט קערנדלעך.

אָט נעמט, למשל, אַזאַ יידן ווי משה אהרן קאם, אַ שטיקל שניידער און אַ סעדער, אַ פשוטער ייד אָן תורה און אָן חכמה, אָבער זיין ליבע צו תורה איז געווען אָן אַ שיעור. נאָכן דאַווענען האָט ער געזאָגט מעמדות מיט גרויס כוונה, און טאָמער האָט ער פאַרשטאַנען אַ שטיקל מעמדות, האָט ער זיך דערקוויקט דאָס האַרץ. האָט ער זיך אָבער אָנגעשטרויכלט אין אַ שווערן פסוק, אָדער אַ שווער וואָרט, האָט ער נישט דרייסטלעך איבערגעהאַקט אַ באַקאַנטן בחורס לערנען און אים געבעטן, אַז ער זאָל אים פאַרטייטשן, אָדער דערקלערן דעם פסוק אָדער דאָס וואָרט, און זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט צער, רחמים און בקשה, אַז מ'האָט געדאַרפט האָבן אַ האַרץ פון אַ טאָטער אים אָפּצוזאָגן זיין בקשה.

און אַ בעל מידות טובות איז ער געווען, אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן! צו טאָן אַ גמילות חסד צו אַ נצרך איז געווען זיין גרעסטער תענוג און טאַקע בסתר, שאַ שטיל, קיינער זאָל נישט ריידן דערפון. טאָמער איז דער נצרך געווען אַ בן־תורה, אָדער אַ יודע ספר, איז זיין שמחה של מצוה געווען גאָר אַ געהויבענע.

און נאָך אַ פשוטן ייד וויל איך מזכיר זיין: יוסף גאַרניעץ, אַ דאָרפס־ייד, וואָס האָט זיך אין די מיטעלע יאָרן באַזעצט אין שטעטל און געעפנט אַ יאַטקע. וויפיל פאָלקס־חכמה האָט דער פשוטער קצב פאַרמאָגט! געשעפּט האָט ער זי בעיקר פון דער „צאינה וראינה“ און פון טייטש־חומש, דער איינציקער מקור פון זיין תורה און חכמה...

נאָכ'ן שלאָף פלעגט ער קומען שבת אין בית־המדרש און זיך אָוועקזעצן געמיטלעך נעבן אַ בחור, וואָס האָט געלערנט תורה. ער האָט אים איבערגעריסן דאָס לערנען און געפרעגט אַ קושיה פון דער סדרה. האָט דעם בחור דאָס מזל צוגעשפּילט און האָט געטראָפן דעם תירוץ פון דער „צאינה וראינה“, איז ער נתגדל און דערהויבן געוואָרן אין זיינע אויגן; חלילה נישט, האָט ער אים געזאָגט מיט נצחון כהאַי לישנא: „כ'האָב געמיינט, אַז דו ביזט אַ למדן, נו, האָב איך אַ טעות געהאַט, דו ביזט אַ למדזשוק!“

ער איז געשטאָרבן ווי אַ קדוש: די קאָזאַקן, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן אים אַזוי צעמזיקט, אַז ער איז געשטאָרבן נאָך אַ דריי־טאָגיקער שווערער גסיסה.

אָבער קיין „טלית שכולה תכלת“ איז אונדזער שטעטל נישט געווען. איך וועל דערמאָנען ברמז דריי העסלעכע טיפּן: ש־ק, אַ שיכור, אַ נואף און אַ מסור, און ער איז געווען איינער פון די פרנסי הקהילה, אַ דאָזער, ווייל מ'האָט פשוט פאַר אים מורא געהאַט, ווי פאַר דעם מלאך המוות. ער פלעגט זיך באַרימען: „דו פאַרמאָגסט נישט וואָס מיין בויך האָט אויסגעטרונקען!“ האָט אים מיכאל פעלד געענטפערט: איר זאָלט דאָס טאַקע פאַרמאָגן וואָס אייער בויך איז ווערט!“

און נאָך אַ העסלעכן טיפּ וויל איך דערמאָנען: ד. ל־ר, דער קאָרטן־שפּילער פון שטעטל. אַ גרויסער זולל־וסובא און פאַרטאָן איז ער געווען אין קאָרטן, אַז ער פלעגט גיין אויף דער גאַס און ריידן צו זיך: „טרומף, טרומף!“ און די פינגער זיינע האָבן כביכול טאַשירט די קאָרטן.

די ליבע צו תורה איז געווען אַזוי גרויס און שטאַרק, אַז אויך ער האָט גענומען אַן איידעם פאַר זיין טאָכטער אַ גרויסן בן־תורה, ר' לייב דייק'ס זון, פון דאָבזשינסק־דערוועניץ, און האָט אים ממש אָפּגעגילט, און דער שידוך האָט זיך געענדיקט שפּעטער מיט אַ גט.



אָבער דאָס שטעטל האָט אויך געהאַט שונאי־תורה, וואָס האָבן פיינט געהאַט אַ בן־תורה ווי אַ שפּין אין די אויגן. אַזאַ איינער איז געווען שלומקע, דער פרויען־שניידער. די שונאי־תורה זיינען אָבער געווען אַ מיעוט שבמיעוט.

* * *

אַזוי לעבט מיין שטעטל דאָברין אין מיין באַוואוסטזיין און אונטער־באַוואוסטזיין — דאָס שטעטל פון מיינע קינדער־יאָרן. שפּעטער זיינען פאָרגעקומען ראַדיקאַלע ענדערונגען, גוטע און שלעכטע, אָבער איך האָב זיי נישט מיטגעלעבט און נישט איבערגעלעבט.

איז געקומען די צוויי־פוסיקע חיה, היטלער ימח שמו וזכרו, און האָט אָפּגעווישט מיין שטעטל און אַנדערע יידישע קהילות. זאָל דאָס בלוט פון אונדזערע קדושים זידן און קאָכן ווי דאָס בלוט פון זכריה הנביא און דאָס אַש פון די קדושים זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין פייער און זאָל ברענען דאָס געוויסן פון דער גלייכגילטיקער וועלט, וואָס האָט מערדעריש געשוויגן, בשעת אונדזערע קדושים זיינען פאַרגאַזעוועט געוואָרן.

ארץ, אַל תכסי דמם!!! (ערד, פאַרדעק נישט זייער בלוט!)

לוי גאָלדבערג / ניו־יאָרק

## ניט זאָג אַז דו ביסט קליין

ניט זאָג אַז דו ביסט קליין — דער בורא האָט ניט ליב
אַז מען פאַרשעמט דעם אייגן נפש פון זיין קעניגרייך.
פאַר קליין צו זיין האָט ער דעם וואָרעם אויסגעקליבן
צו קריכן אויף זיין בויך, און ווערן מיט דער בלאָטע גלייך.

ניט זאָג אַז דו ביסט קליין, נייערט דויערדיק, און וויכטיק,
אפילו ווען דיין שפע פאַרן שייער, מערט זיך ניט ווי רויג;
מיל־אָנען שטיינדלעך שטעלן אויף אַ באַרג, ביסט איינער צווישן זיי —
טראָגן יעדער שטיין אַ נסתר, דאָך ניט פאַרהוילן פון גאָטס אויג.

פון דער מוראַשקע לערן זיך: ווען די ערד פרייכט אויף מיט היץ,
איך זע ווי אין אַ ווירבל־מאַסע, זי קירעוועט מיט פלייס איר וועג,
טראָגט אין מויל אַ שטויבל דרויב אויף אויפצובויען איר געצעלט —
עלעהיי אַ מענטש, מיט שווייס דעם ברויט פאַרדינען, פאַר זיין הויז־פאַרמעג.

דו לערן זיך פון גרויסן בוך, וואָס אין אַלע טיילן וועלט,
ביי אַלע ראַסן, ווערט זיין הויכער ווערט געאַכט;
דאָרט האָבן די נביאים זיך פאַר גאָט געזען אין קליינקייט,
נאָר זייער שליחות פאַר אונדזער קיום האָט זיי גרויס געמאַכט.

ניט זאָג אַז דו ביסט קליין, נאָר גרייס זיך אין דיין קליינקייט,
מיט גאָטס גענאָד דו ווער אַ יש פאַר זיך אין זיין קעניגרייך.
פאַר קליין צו זיין האָט ער דעם וואָרעם אויסגעקליבן
צו קריכן אויף זיין בויך און ווערן מיט דער בלאָטע גלייך.

פינטשע בערמאַן

# צוויי לידער

## די שפינערס

עס זיצן די שפינערס און שפינען, און וועבן
דעם פינקס פון צייטן, די פעדים פון לעבן.

זיי זיצן און שפינען אָן אָפרו, אָן אויפהער,
מעג פאַלן דער הימל, מעג שאַלן דער שופר...

אַמאָל דאָס געוועב איז מיט שטערן און זונען,
מיט פעדים פון גאָלד, און מיט שטראַלן געשפונען;

אַמאָל דאָס געוועב איז מיט תהום און מיט נידער,
מיט שטומע געוויינען, מיט חושכע לידער—

זיי זיצן דאָרט אייביק, און שפינען, און שפינען
דעם אומרו פון אָוונט, די פרייד פון באַגינען.

ביז וואַנען זיי ווערן שוין מיד און צעבראָכן,
און עס הערן אויף בלוטן צו זידן און קאָכן;

ביז וואַנען עס ווערן שוין קעפ איינגעבויגן,
און עס הייבן אָן פאַלן וואואַלן אויף אויגן —

זיי זיצן און שפינען, און שפינען, און וועבן
דעם פינקס פון צייטן, די פעדים פון לעבן...

## לעבן

איך ווייס ניט וואָס דו ביסט,
און וואָס דיין צוועק און מיין —
אַמאָל מיין טאָג פאַרזיסט,
אַמאָל דו ברענגסט געוויין...

ביסט שטענדיק דאָ מיט מיר,
אין אומעט און אין פרייד—
דו ביסט מיין פונק און שיר,
ביסט אויך מיין צער און קייט...

שטענדיק מיך אינטריגט
דער אייביק טיפער סוד:
ווער האָט דיך געשיקט?
און אויך אין וועמענס גנאָד?

עס ווערט אין האַרצן שווער,
און ס'פאַלט אויף מיר אַ שרעק,
אַז אַמאָל וועסט זיין ניט מער,
אַז וועסט אַמאָל אוועק...



שלמה סיימאָן / ניו־יאָרק

# די צייטלאָזיקייט פון תנ״ך

(מעשי אָבות סימן לבנים. — סוטה לד, א)

די חכמי התלמוד האָבן פאַרשטאַנען די סימבאָלישקייט און צייטלאָזיקייט פון דעם תנ״ך. מיר וועלן אויסטייטשן די מעשה פון יוסף און דאָס אַראָפּנידערן פון דער יעקב משפחה קיין מצרים לויט אָט־דער שיטה.

די מעשה, אָדער לעגענדע, פון יוסף און זיינע ברידער איז אויסערגעוויינטלעך שיין און קינסטלעריש דערציילט. מען קאָן זי לייענען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל און יעדעס מאָל וועט זיך שטעלן אַ קנויל אין האַלדז ביים לייענען געוויסע שטעלן. אָבער די מעשה פון יוסף און זיינע ברידער איז ניט אויסן געווען צו דערציילן בלויז אַ משפחה געשעעניש. דער תנ״ך איז ניט קיין מעשה־ביכל. דער חומש איז אויסן געווען צו דערציילן וועגן ערשטן יידישן גלות, וואָס איז לויט דער יידישער טראַדיציע דער רעפליק, די אָפּשפּיגלונג פון די שפעטערדיקע גלותן, סיי די פרייוויליקע און סיי די אַרויפגעצוואונגענע. אויך גיט עס אַן אָנדייט אויף דעם אופן פון גאולה און יידישער שייכות צו ארץ־ישראל.

## וואָס איז גלות?

גלות מיינט, אַז דער עטנישער קיבוץ וואוינט אויסער זיין לאַנד ווי אַ מינאָריטעט און האַלט אָן זיין אידענטיטעט דורך דורות און דורות. דער גלות קאָן זיין אַ שווערער, די מינאָריטעט ווערט אונטערגעדריקט און פאַרפאָלגט, איזאָלירט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און געצוואונגען צו לעבן אַן אייגן קולטורעל לעבן. אָדער עס קאָן זיין אַ גרינגער גלות, אָן פאַרפאָלגונגען און אָן אונטערדריקונג. די מינאָריטעט איז לפנים יעמאָלט ניט אָפּגעטיילט פון דער הערשנדיקער מאַיאָריטעט. אָבער אונטער דער גרעסטער און פולקאָמסטער אינטעגראַציע, לאָזט איבער פאַר זיך, די מינאָריטעט וואָס האַלט פון גלות, אַ ראַנד, אַ ברעג, אַ שטח צווישן זיך און דער מאַיאָריטעט. אָט דעם ראַנד (מאַרדזשין) טרעט זי ניט אַריבער. אָט־דעם ראַנד, וואָס די מינאָריטעט לאָזט איבער פאַר אייגענער אידענטיפיקאַציע, האַלט זי אויף ווי אַ באַזונדער פאָלק אין דער אַלגעמיינער סביבה.

„די יידן זיינען דאָס איינציקע גלות־פאָלק אין דער וועלט. אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע איז ניטאָ אַזאַ דערשיינונג.“ (יחזקאל קויפמאַן, „גלות ונכר“, כרך ראשון, ספר ראשון, זייט 166). מיר מעגן זאָגן, אַז די יידן זיינען די שעפער פון דעם געדאַנק פון קולטורעלן פלוראַליזם. זיי האָבן עס אָנגענומען נאָך גאָר אין די אַלטע צייטן. דאָס גיט אויך אַ דערקלערונג, פאַרוואָס מיר קאָנען ניט פאַררעכענען די ציגיינער ווי אַ גלות־פאָלק. זיי זיינען נאָמאַדן און זיי זיינען קיין מאָל ניט געווען קיין כוח אין דער וועלט־קולטור, אָדער האָבן באַווירקט עקאָנאָמיש אָדער קולטורעל וועלכן עס איז פאָלק.

אַ סך פעלקער זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד. אָבער זיי האָבן פאַר זיך ניט געשאַפן קיין גלות. זייער טיף באַמערקט דער מדרש: „עס שטייט געשריבן: ‚גלתה יהודה׳— עס איז פאַרטריבן געוואָרן יהודה אין גלות, זיינען אַנדערע פעלקער ניט פאַרטריבן געוואָרן? נאָר ווען אַנדערע פעלקער, ניט קיין יידן, ווערן פאַרטריבן, איז זייער גלות ניט קיין גלות, ווייל זיי עסן דאָס ברויט פון די וואָס האָבן זיי פאַרטריבן און טרינקען זייער וויין. איז וואָס איז עס פאַר אַ גלות? אָבער די יידן, וואָס עסן ניט פון זייער ברויט און טרינקען ניט פון זייער וויין, איז זייער גלות אַ גלות.“ (מדרש איכה רבתי א:כט). כל זמן אַ מינאָריטעט לאָזט איבער אַ שטח פאַר אָפּגעזונדערטקייט פון

דער מאַיאָריטעט באַפעלקערונג, איז עס ניט קיין טאָטאַלע אַסימילאַציע און מען איז אין גלות.

## געצוואונגענע און פרייוויליקע גלותן

דער גלות מצרים איז דער סימבאָל פון פרייוויליקן גלות. יוסף איז געבראַכט געוואָרן קיין מצרים קעגן זיין ווילן, מיט געוואַלד. אָבער יעקב און זיין גזע זיינען געקומען פרייוויליק. יעקב האָט דאָך געקאָנט צופאָרן קיין מצרים און זיך זען מיט יוספן און צוריקפאָרן. אָדער אפילו ווען דער גאַנצער גזע איז שוין יאָ אַוועק קיין מצרים, האָבן זיי זיך געקאָנט צוריקקערן נאָכן הונגער. אָבער זיי זיינען אַוועק קיין מצרים דאָרט צו בלייבן, ווייל יוסף האָט זיי דערציילט, אַז עס איז אַ גוט לאַנד און זיי וועלן דאָרט לעבן בעסער ווי אין כנען. ער האָט געזאָגט צו די ברידער: „לאָזט איבער אַלץ און קימערט זיך ניט וועגן אייערע זאַכן, ווייל דאָס בעסטע פון גאַנצן לאַנד מצרים איז אייערס.“ (בראשית מה:כ).

אין דער שפּעטערדיקער יידישער געשיכטע זעען מיר אַן איבערחזרונג פון דער דאָזיקער דערשיינונג. גלות שומרון (722 פ.א.צ.ר.) איז געווען דער ערשטער געצוואונגענער גלות; הונדערט יאָר שפּעטער איז געקומען גלות יהויכין און באַלד נאָך דעם דער חורבן פון ערשטן בית־המקדש און דער געצוואונגענער גלות בבל. אין 70 למספּר העמים איז געקומען דער חורבן פון צווייטן בית־המקדש און ווידער אַ געצוואונגענער גלות. אָבער ביי יידן זיינען אויך געווען פרייוויליקע גלותן. אין זיבעטן יאָרהונדערט (פ.א.צ.ר.) איז שוין געווען אַ גרויסע תפוצה פון יידן איבער דער וועלט (דברי ימי עולם, שמעון דובנאָוו, ז' 63). עס מיינט גאָר אַ היפּשע צייט פאַר גלות שומרון. דאָס איז געווען אַ פרייוויליקער גלות. יידן האָבן אַרויסגעוואַנדערט פון יהודה און ישראל אין אַנדערע לענדער בכדי צו פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע, אָט ווי יעקב האָט אַרויסגעוואַנדערט פון כנען קיין מצרים. ער און זיינע קינדער זיינען דאָרט געבליבן, ווייל עס איז געווען באַקוועמער און גרינגער צו לעבן אין עגיפּטן.

נאָך דעם חורבן פון ערשטן בית־המקדש האָט זיך די תפוצה פון בבל פאַרגרעסערט און פאַרמערט דורך פרייוויליקער אַרויסוואַנדערונג פון דער פאַראָרעמטער יהודה. לויט ירמיהו האָבן נבוכדנאצר און נבוזראדן פאַרטריבן אין די דריי גלותן: יהויכין, בעתן חורבן און נאָכן אַטענטאַט אויף גדליהו, ווייניקער פון פינף טויזנט מענטשן. זאָל זיין, אַז עס מיינט ניט נפשות נאָר משפחות, איז עס אַלץ אַ קליינע צאָל לגבי דער יידישער באַפעלקערונג אין בבל און די וואָס האָבן זיך אומגעקערט אין דער צייט פון שיבת ציון. (זע ירמיה נב: כז, כח; אויך „היסטאָרי אָוו די דזשואיש פּיפּל“, מאַרגאָליס און מאַרקס, קאַפּיטל 23, זייט 119).

## דער שווערער גלות און גרינגער גלות

דער גלות מצרים שפּיגלט אָפּ מיט זיך די צוויי פאַרשיידענע גלותן, וואָס יידן האָבן דורכגעלעבט אין די לעצטע ניינצן הונדערט יאָר. עס זיינען געווען גלותן, אין וועלכע מיר האָבן זיך אַריינגעלעבט אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג עקאָנאָמיש, קולטורעל און ביז גאָר אַ היפּשער מאָס אויך געזעלשאַפטלעך — גלותן אָן גרויסע פאַרפאָלגונגען. אַזוינע גלותן האָט חיים גרינבערג ע"ה פאַרגליכן צו אַ לבנה־נאַכט. אַזאַ גלות איז געווען אין געוויסע תקופות אין בבל, אין שפּאַניע, אין מערב אייראָפּע, און איצט, אויף אַ גאָר גרויסער מדרגה אין די פאַראייניקטע שטאַטן און, אויף אַ קלענערער מדרגה, אין די לענדער פון דרום אַמעריקע. אין די דאָזיקע „לבנה ליכטיקע“ גלותן איז דאָ אַ געמיינשאַפטלעכער, אַ בשותּפותדיקער אויסבייט פון קולטורן: מיר נעמען אָן דאָס לשון פון דער מדינה, די הלבשה, מנהגים און מאַניערן פון דער אַלגעמיינער סביבה; דאָך לאָזן מיר איבער פאַר זיך אַ געוויסע מאָס, אַמאָל כמעט ניט קיין זעעוודיקן עפּעס, וואָס טיילט אונדז אָפּ פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, און אָט־די „אויסטייל“ פאַרהיט אונדז פון טאָטאַלער אַסימילאַציע.



אַמאָל מיינסטן זיינען אַנדערע גלותן געווען שווערער און פינצטערער. מען האָט אונדז פאַרפאָלגט, באַגרענעצט אונדזערע רעכט, אונדז אונטערדריקט עקאָנאָמיש, סאָציאַל און קולטורעל. גלותן — פינצטער ווי אַ סוף חודש נאַכט. אין די דאָזיקע גלותן האָט מען אונדז איזאָלירט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, און נאָך מער האָבן מיר זיך אַליין אָפּגעטיילט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. מיר האָבן זיך אָפּט באַזעצט אין פרייוויליקע געטאָס און גייסטיק זיך איינגעשלאָסן אין די אייגענע דלד אמות. מיר האָבן אָבער אין אַזעלכע גלותן געלעבט אַ פולן נאַציאָנאַלן לעבן, מיר זיינען געווען אַ פאָלק אין אַ פאָלק, מיט אַ באַזונדער לשון, אָפּט מאָל אויך אַ באַזונדער הלבשה, מיט באַזונדערע מנהגים און אפילו באַזונדערע מאכלים. דאָס וואָס מיר זיינען דעמאָלט ניט געווען זיכער מיט אונדזער לעבן און האָב און גוטס, האָט אונדז פאַרהאַרטעוועט און געשטאַרקט און אונדז געמאַכט ביז גאָר אַ גרויסער מדרגה שעפעריש.

גלות מצרים האָט אָפּגעשפּיגלט ביידע מינים גלותן. פון אָנפאַנג, ווען דער גזע פון יעקב איז געקומען קיין מצרים, האָט מען אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. די בני יעקב זיינען אינטעגרירט געוואָרן אין די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון לאַנד. זיי האָבן אפילו געקראָגן געוויסע פּריווילעגיעס, געגליכן צו די פּריווילעגיעס אין אַ סך לענדער שפּעטער, וואו מען האָט זיך גענייטיקט אין יידן. דערציילט דער חומש: „האָט פּרעה געזאָגט צו יוספן: ,דיין פאָטער און דיינע ברידער זיינען געקומען צו דיר. דאָס לאַנד מצרים ליגט פאַר דיר, אין בעסטן טייל פון לאַנד באַזעץ דיין פאָטער און דיינע ברידער. זאָלן זיי זיך באַזעצן אין לאַנד גושן. און אויב דיר איז באַקאַנט אַז צווישן זיי זיינען דאָ פאַסיקע מענטשן, זאָלסטו זיי באַשטימען פאַר הויפּטן איבער די פי וואָס איך האָב' “; (בראשית מז:ה־ו)

די בני ישראל האָבן זיך דאָרט מסתמא אינטעגרירט אויך קולטורעל. (זע די מדרשים וואָס איך ברענג אין קומענדיקן רובריק און יחזקאל קויפמאַן „רעלידזשאָן אָוו איזראַעל“ אין זוך־צעטל: עדזשיפּשאַן אינפלוענס אָן דהי דזשואיש טהאָוט“). שפּעטער אָבער איז דער גלות מצרים געוואָרן אַ פינצטערער סוף־חודש־נאַכט גלות — פאַרפאָלגונגען, קנעכטשאַפט און אומדערטרעגלעכע אונטערדריקונג.

## סותרדיקע מדרשים וועגן גלות מצרים

עס איז פאַראַן אַ מדרש וועגן מצרים וואָס אַלע ציטירן אים. דאָרט ווערט באַהויפּטעט, אַז די יידן זיינען אינגאַנצן געוועזן איזאָלירט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און האָבן געפירט אַן אייגנאַרטיק לעבן. זאָגט דער מדרש: „יידן זיינען אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים צוליב דעם זכות, וואָס זיי האָבן ניט געביטן זייערע נעמען. ראובן איז געבליבן ראובן און שמעון איז געבליבן שמעון. זיי האָבן אויך ניט געביטן זייער לשון — זיי האָבן גערעדט לשון־קודש; זיי האָבן ניט געמסרט איינער אויף דער אַנדערן און אָפּגעהיט מילה.“ (אין אַ סך ערטער אין די מדרשים. דער בעסטער נוסח איז אין מדרש שוחר טוב, קיד).

פאַראַן אָבער פונקט פאַרקערטע מדרשים. זאָגט איין מדרש: „ביידע, די יידן און די מצריים האָבן זיך אויפגעפירט אויף דעם זעלביקן אופן: די מצריים זיינען געווען ניט קיין געמלטע (ערלים) און די יידן זיינען געווען ניט קיין געמלטע; די מצריים האָבן געטראָגן אַ „טשוביק“, אַ לאָק האָר פון פאָרנט („מגדלין בלויות“ — אַ צו־קאָמפּליצירטער ענין צו דערקלערן בקיצור) און די יידן אויך; די מצריים האָבן געטראָגן שעטנז און די יידן אויך; ווען גאָט וואָלט ניט געבונדן זיך מיט אַ שבועה אויסצולייזן די יידן, וואָלט ער זיי קיינמאָל ניט אויסגעלייזט.“ (שיר השירים רבה ב:ו).

ס'איז פאַראַן אויך אַ מדרש, אַז עס זיינען געווען אַ סך הויף־יידן ביי פּרעהן און זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן מצרים, און אָט־די יידן זיינען עס אויסגעשטאָרבן אין דער צייט פון מכת־חושך. (מדרש תנחומא, וארא: יד). עס איז דאָ גאָר אַ שאַרפער מדרש וואָס זאָגט, אַז יידן האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן לשון־קודש. ווען גאָט

האָט געגעבן די יידן די עשרת הדברות, האָט ער אָנגעהויבן ריידן צו זיי אויף עגיפּטיש. ער האָט אָנגעהויבן מיטן וואָרט „אָנכי“, וואָס איז דער עגיפּטישער „אנוך“ פאַר „אני“ — איך. גאָט האָט געזאָגט: „מיינע קינדער האָבן אָפּגעוואוינט אַזויפיל יאָרן אין מצרים און האָבן זיך אויסגעלערנט ריידן מצריש, וועל איך צו זיי ריידן ריין עגיפּטישן לשון.“ (ילקוט שמעוני, חלק א:רפו).

אַזוי האַלטן אויך אַ סך יידישע היסטאָריקער. יחזקאל קויפמאַן ווייזט אָן אויף עגיפּטישע נעמען ביי יידן: משה, אהרן, חפני, פּנחס, חור. („די רעלידזשאַן אָף איזראַעל“ ז. 197 און אויך ז. 239). פּראָפעסאָר יהודה שלום, אַ טיף טראַדיצאָנעלער ייד, האַלט, אַז דער סיפור אין שמות וואָס דערציילט ווי משה איז געפונען געוואָרן אין אַ קעסטל, וואָס איז געשוואומען אויפן נילוס, איז געשריבן אין אַ מין העברעאיש־עגיפּטישן זשאַרגאָן — מער עגיפּטישע ווערטער ווי העברעאישע. (עבר וערב ז' 5).

דער באַטייט פון די סתירותדיקע מדרשים איז פאַר אונדז קלאָר — זיי שפּיגלען אָפּ די פאַרשיידענע גלותן, וואָס זיינען אויפגעקומען אין אונדזער לאַנגער געשיכטע. אפשר אויך די פאַרשיידענע תקופות אין גלות בבל.

## דאָס צוגעזאָגטע לאַנד

דאָס פירן די יידן פון מצרים קיין כנען איז אויך אַ רעפּליק פאַר דער צוקונפטיקער יידישער געשיכטע. משה זאָגט צו די בני ישראל, אַז ער וועט זיי אַרויסנעמען פון מצרים און זיי ברענגען אין אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק. אָבער ניט גלאַט אין אַ גוט לאַנד, וואָס זיי וועלן קאָנען גרינג באַזיגן, נאָר אין אַ לאַנד, זאָגט גאָט, „וואָס איך האָב געשוואוירן עס צו געבן צו אברהמען, צו יצחקן און צו יעקבן, און איך וועל עס אייך געבן פאַר אַ ירושה. איך בין גאָט!“ (שמות ו:ח).

עס איז אויך אַ סימן לדורות, — סימבאָליש פאַר יידן און יידישער געשיכטע. אין זייער מער ווי דריי טויזנט יאָריקער געשיכטע, האָבן יידן קיין מאָל ניט געמאַכט קיין פּרוּוו איינצונעמען וועלכע עס איז אַנדער לאַנד אויסער כנען. אַרום איין און דרייסיק הונדערט יאָר צוריק, אָדער נאָך פריער, האָט יהושע פאַרנומען דאָס לאַנד כנען מיט דער שווערד. אַרום אַכט הונדערט יאָר שפּעטער, אין צייט פון שיבת ציון, האָבן זיי צוריק פאַרנומען דאָס לאַנד, אָבער אויף אַ פרידלעכן אופן. אַרום פינף און צוואַנציק הונדערט יאָר שפּעטער, אין אונדזערע אייגענע צייטן, האָבן מיר פאַרנומען דאָס לאַנד טיילווייז פרידלעך און טיילווייז ווידער מיט דער שווערד.

## יציאת־מצרים אין אָפּשפּיגלונג פון היינט

גלייך פון אָנהייב פון אונדזער געשיכטע איז גלות געוואָרן ווי אַ שטענדיק־צייטווייליקע היים. שוין ווען גאָט זאָגט אָן אברהמען וועגן גלות מצרים, זאָגט ער אים ניט, אַז זיינע קינדער וועלן זיין פרעמדע אין אַ פרעמד לאַנד, נאָר דאָס לאַנד וואוהין זיי וועלן פאַרטריבן ווערן, וועט ניט זיין זייערס: „וויסן זאָלסטו וויסן, אַז פרעמדע וועלן זיין דיינע קינדער אין אַ לאַנד, וואָס איז ניט זייערס“ (בראשית טו:יג). אין דעם דאָזיקן אָנזאָג געפינט זיך שוין דאָס קערנדל פון דעם שפּעטערדיקן באַגריף, אַז גלות איז ניט נאָר אַ צייטווייליקער וואוינאָרט, נאָר אַ היים אין אַ לאַנד, וואָס איז ניט אייגנס. עס שטימט מיטן באַגריף וואָס ירמיהו האָט געגעבן צום גלות: „אַזוי האָט געזאָגט גאָט, דער גאָט פון צבאות, דער גאָט פון ישראל, צו אַלע פאַרטריבענע, וואָס איך האָב פאַרטריבן פון ירושלים קיין בבל: ‚נעמט ווייבער און געבערט זין און טעכטער און נעמט ווייבער פאַר אייערע זין און גיט אויס אייערע טעכטער צו מאַנען, און זאָלן זיי געבערן זין און טעכטער, און מערט אייך דאָרטן און ווערט ניט ווייניקער. זוכט דאָס פרידן פון דער שטאָט וואָס איך האָב אייך פאַרטריבן אַהין, און זייט מתפּלל פאַר איר צו גאָט, ווייל אויב עס וועט זיין פרידן אין איר, וועט זיין פרידן צו אייך'.“ (ירמיהו כט: ד־ו). דאָס איז געבליבן דער איינשטעל פאַר אַלע גלותן — אַ פּערמאַנענטע — צייטווייליקע היים.



פאַרן ערשטן גלות, גלות מצרים, איז אָנגעגעבן געוואָרן אַ באַשטימטער צייט־אָפּשניט פיר הונדערט יאָר. (ברא' טו:יג). פאַרן צווייטן גלות, גלות בבל, איז אויך אָנגעגעבן געוואָרן אַ באַשטימטער צייט־אָפּשניט, זיבעציק יאָר (ירמיה כח:יא, יב; כט: י). נאָכן צווייטן חורבן בית־המקדש, עס מיינט פאַרן דריטן גלות, איז ניט אָנגעגעבן געוואָרן קיין צייט־אָפּשניט פאַר דער גאולה: „און ער האָט געפרעגט דעם מאַן אָנגעקליידט אין ווייסן: ‚ווי לאַנג איז ביז דעם וואונדערלעכן קץ?' און ער ענטפערט אים: ‚באַהאַלטן און פאַרחתמעט זיינען די ווערטער ביז דער צייט פון קץ'.“ (דניאל יב: ו־ט).

חז״ל האָבן פאַרבאָטן צו רעכענען ווען דער קץ וועט קומען. זאָגט די גמרא: „תפּח עצמן של מחשבי קיצין“ — זאָלן געשוואָלן ווערן די וואָס רעכענען ווען דער קץ, משיח, וועט קומען, וואָס זאָגן: ‚וויבאַלד עס איז געקומען די צייט און דער קץ איז ניט געקומען, וועט ער קיינמאָל ניט קומען. מען דאַרף וואַרטן אויף אים — ווי עס שטייט געשריבן אין פּסוק: ‚אפילו ווען ער וועט זיך פאַרזאַמען, וואַרט אויף אים, ער וועט קומען און זיך ניט פאַרשפּעטיקן' (חבקוק ב:ג), ווייל מיר וואַרטן און ער וואַרט. ווער פאַרהאַלט די גאולה? דער מידת הדין פאַרהאַלט.“ (סנהדרין צז, עמוד ב). עס איז אַ פאַרוויקלטער ענין צו דערקלערן וואָס עס מיינט „דער מידת הדין פאַרהאַלט.“ מען קען עס אויסטייטשן, אַז דער שטרענגער געזעץ פון גאָט האַלט צוריק די גאולה ביז די וועלט וועט ווערט זיין אויפצונעמען משיחן.

דאָך איז געגעבן געוואָרן אַן אָנדייט ווען די יידן וועלן זיך קאָנען צוריקקערן קיין ארץ ישראל און פאַרנעמען דאָס לאַנד אפילו, אויב נויטיק, מיט געוואַלד. זאָגט די גמרא: „עס שטייט געשריבן: ‚איך באַשווער אייך, טעכטער פון ירושלים, ביי די הירשן אָדער ביי די הינדן פון פעלד, אויב איר וועט וועקן און אויב איר וועט אויפוועקן די ליבשאַפט ביז זי וועט אַליין באַגערן' (שיר השירים ב:ז). זאָגן די חז״ל: דאָס מיינט צוויי שבועות. איין שבועה פאַר די יידן, אַז זיי זאָלן ניט מאַכן קיין אויפשטאַנד, רעבעלירן אַנטקעגן די פעלקער צווישן וועלכע זיי וואוינען און מיט געוואַלד, מיט דער שווערד איינצונעמען צוריק דאָס צוגעזאָגטע לאַנד. די צווייטע שבועה איז פאַר די פעלקער צווישן וועלכע די יידן וואוינען. גאָט האָט זיי באַשוואָרן ניט אונטערדריקן די יידן אויף אַזויפיל, אַז די יידן זאָלן מער ניט קענען אויסהאַלטן און רעבעלירן און אַרויף און איינעמען צוריק דאָס צוגעזאָגטע לאַנד מיט דער שווערד.“ (שיר השירים רבה ב:יח; כתובות קיא, עמוד א. באַזונדערע וואַריאַנטן).

ווידער איז דער גלות מצרים אַ רעפּליק פאַר אונדזער גאולה און גלות היינט. די גאולה איז געקומען אין מצרים ווען די ליידן פון די בני ישראל זיינען געוואָרן אומדערטרעגלעך: „דער מלך פון מצרים איז געשטאָרבן און די קינדער פון ישראל האָבן געזיפצט צוליב דער קנעכטשאַפט און זיי האָבן געשריען, און זייער געשריי איז אַרויפגעגאַנגען צו גאָט“ (שמות ב:כג). דער מדרש דערציילט, אַז זיי האָבן געשריגן צו גאָט, ווייל די חרטומים פון פרעה האָבן צו אים געזאָגט, אַז בכדי ער זאָל זיך אויסהיילן פון זיין קרעציקייט דאַרף ער זיך באָדן אין בלוט פון יידישע קינדער. האָט מען געקוילעט יידישע קינדער 150 אינדערפרי און 150 אין אָוונט. דעמאָלט האָבן די יידן אָנגעהויבן צו שרייען צו גאָט. (שמות רבה א:מ). עס מיינט, זאָגט דער מדרש דאָרט, אַז יידן זיינען ניט אויסגעלייזט געוואָרן פאַר זייערע מעשים טובים, נאָר אַז ניט וואָלטן זיי אומגעקומען.

דערלויבט מיר צו מאַכן אַן אַנאַלאָגיע פאַרן איצטיקן שיבת ציון. צוויי טויזנט יאָר נאָכן צווייטן חורבן האָבן די פעלקער פון דער וועלט געבראָכן די שבועה פון ניט אונטערדריקן יידן מיט אַ טאָטאַלער אונטערדריקונג. איין פאָלק האָט אומגעבראַכט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק און קיין אַנדער פאָלק האָט זיך אַריינגעמישט. דאָס האָט באַפרייט די יידן פון זייער שבועה ניט צו נעמען קיין געווער אין דער האַנט און באַזיגן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד.

עס איז באמת ניטאָ קיין צייט דימענסיע אין תנ״ך. אַן אייביק בוך, וואָס דערציילט די געשיכטע פון אַן אייביק פאָלק.

יוסף לעפּטוויטש / לאָנדאָן

## צוויי לידער

### איך

איך בין אין האַרבסט געבוירן.
פון איר ברוסט האָב איך געזויגן
מיין ערשטן אָטעם. און דער ערשטער אָטעם
איז נאָך אין מיר, און ווי אַ מאַגנעט,
ציט צו זיך די איבריקע אָטעמס, ביז וואַן
ס'וועט מער אין אים קיין מאַגנעט־כוח
ניט זיין.

כ'האָב ליב האַרבסט.

דער שענסטער פרילינג
שענסטער זומער־טאָג,
איז ניט אַזוי שיין ווי האַרבסט.
פרילינג פאַרטויבט מיך מיט זיין זינגען.
און זומער איז שיכור מיט פרייד,
שיכור מיט זון.

אָבער האַרבסט איז רואיק און שטיל.
ער האָט זיין אַרבעט שוין געטאָן.
ער זיצט מיט פאַרלייגטע הענט
און וואַרט מיר זאָלן קומען שניידן.

ס'איז אַזוי שטיל,
אַז איך הער ווי די ערד דרייט זיך
אַרום דער זון.
איך הער גאָט'ס קול.

און וועמענס טרויער איז ווי דער טרויער
פון האַרבסט,
וואָס זיין שענסטער בלאַט
וואָס איז געזעסן אויבנאָן, אויפן העכסטן
צווייג,
פאַלט אַראָפ, און ליגט אויף דער ערד,
ביז דער גראָבער בעזעם קערט אים אַרויס?

### כותל מערבי

איר האָט געטרונקען צופיל וויין,
איר זענט שיכור געוואָרן.
אַז איר וועט אויפשטיין פון שלאָף
וועט אייער חלום גיין פאַרלאָרן.

דאָס קליינע לאַנד ישראל,
האָט אַ גרויסן חלום געהאַט,
גרויס ווי די וועלט,
ווי דאָס וואָרט פון גאָט.

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען,
איז געווען גרעסער דאָס לאַנד.
איך בין צום כותל מערבי געגאַנגען,
און געדאַוונט מיט יידן באַנאַנד.

איצט איז דאָ אַ יידישע מדינה,
אָבער אַ ייד טאָר צום כותל ניט גיין.
אונדזער לאַנד איז קלענער געוואָרן.
אונדזער לאַנד איז היינט קליין.

מחמת טעכנישע סיבות זיינען אין דעם נומער ניט אַריין: אַ דערציילונג פון לאָטי פ. מלאך; לידער פון מעינקע קאַץ, מ. גיציס און שמעון וואוזיק; מאמרים פון ש. ד. זינגער, חיים אָסטראָווסקי און אַנדערע.

מיר בעטן אַנטשולדיקונג.

די רעדאַקציע



י. א. אבודין

## די צוקונפט פון אַמעריקאַנער יידישקייט

יידן און יידישקייט, דער עיקר די זאָרג מכוח דעם אויפהאַלט פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און זיין פאַרזיכערונג אויף להבא, איז ניט קיין נייער פּראָבלעם. אָט דאָס פּראָבלעם עקזיסטירט פון דור־דורות אָן, און יעדער דור באַזונדער האָט זיך מיט אים געראַנגלט. ביי אונדזער איצטיקן דור איז אָבער אָט דאָס פּראָבלעם פאַרשאַרפט געוואָרן. און פאַרשאַרפט געוואָרן איז עס איצט דערפאַר וואָס אונדזער איצטיקער דור האָט אין משך פון אַ קורצער צייט איבערגעלעבט מיט איין מאָל צוויי אומגעהויער גרויסע און וויכטיקע היסטאָרישע עפּאָכעס: איינע, די גרוילעך טרויעריקע, דער גרויסער חורבן פון אונדזער פאָלק אין צענטראַל און מזרח־אייראָפּע; די צווייטע, די זייער דערמונטערנדיקע און דערפרייענדיקע, דער אויפקום פון מדינת ישראל.

די דאָזיקע צוויי גרויסע היסטאָרישע געשעענישן האָבן אַרויפגעלייגט גרויסע אַחריותן אויף דעם יידישן קיבוץ אין אַמעריקע. ס'פירט דירעקט צו דעם, אַז מיר זאָלן דאָ הי באַדאַרפן מאַכן אונדזער חשבון הנפש און שטעלן זיך די האַרבע פראַגעס: זיינען מיר צוגעפאַסט צו טראָגן די דאָזיקע גרויסע אַחריותן? וואָס פאַר אַ ביישטייער קענען מיר צוטראָגן צום אידייאישן געדאַנק פון וועלט־יידנטום? איז אונדזער אייגענער קיום דאָ הי גע־זיכערט? און בכלל — האָט יידישקייט אַ זכות הקיום און די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן און צו אַנטוויקלען זיך מחוץ די גרענעצן פון ישראל?

די דאָזיקע פראַגעס קענען ניט גלייך פאַרענטפערט ווערן. קיינער קען ניט זיין דער נביא באַשטימט פאָראויסצוזאָגן די צוקונפט. מיט דער לאָגיק פון היינט קען מען ניט אַלע מאָל מעסטן דעם מאָרגן. אָבער בכדי פאָרט צו קענען שאַפן זיך אַ בילד — הגם ניט מער ווי אַ זייער מטושטשדיק בילד — מכוח אונדזערע יידישלעכע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט, איז כדאי אַריינצוקוקן אין אונדזער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט און פּרובירן דורכגיין דורך דעם עבר אויף דעם להבא און טאָן עס אויף אַן אַנאַלאָגישן שטייגער.

* * *

בלי ספק, מיר לעבן איצט איבער אַן אומגעהויער קריטישן פעריאָד אין דער יידישער געשיכטע. מיר דאַרפן אָבער דערביי האָבן אין זינען, אַז אונדזער געשיכטע האָט אויך פריער פאַרצייכנט קריטישע עפּאָכעס, וואָס האָבן, אַזוי ווי איצט, געשטעלט אין געפאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום. לאָמיר זיי דאָ דערמאָנען.

די גרעסטע, הגם ניט די ערשטע, יידישע קאַטאַסטראָפע איז פאָרגעקומען אין דעם יאָר 70, לויט דער איצטיקער צייטרעכענונג, נאָכן חורבן פונעם בית שני און נאָך דער אונטערדריקונג פון די יידישע אויפשטאַנדן קעגן דער רוימישער מאַכט, וואָס האָבן דעם חורבן נאָכגעפאָלגט.

דאָס יידישע פאָלק האָט דאַן ניט נאָר פאַרלוירן זיין פאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, נאָר אויך זיין גייסטיקן מעמד. יידישקייט איז פאַרפאָלגט געוואָרן; די יידישע גייסטיקע פירער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אָדער פאַרטריבן געוואָרן פונעם לאַנד; די ישיבות און בתי מדרשים זיינען פאַרמאַכט געוואָרן; ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ס'האַלט ביים אומקום פון יידן און יידישקייט.

אָבער יידישקייט איז ניט אומגעקומען. ס'איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן אין איין לאַנד, אָבער ס'איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ צווייטן לאַנד. דאָס צווייטע לאַנד איז געווען בבל. דער יידישער קיבוץ אין בבל האָט איבערגענומען דעם אָנפיר פון יידישן סאָציאַל־קולטור לעבן און האָט אים אַנטוויקלט צו זיין העכסטער מדרגה. ער האָט געגרונטפעסטיקט די יידישע הלכה, געוועבט און געצויגן די אגדה און איינגעגלידערט אין יידישן באַוואוסטזיין די טיפסטע פרינציפן פון עטיק און מאָראַל.

נאָך אַ המשך פון וואָסערע 800 יאָר איז דער יידישער ישוב אין בבל אויך אומגעקומען. יידישקייט איז אָבער פאַר־

בליבן. דער יידישער צענטער איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ נייער היים, אין שפּאַניע, און יידישקייט האָט דאָרט געקראָגן נייעם אויסדרוק. ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ נייע פּרוכטבאַרע עפּאָכע פון יידישן קולטורעלן אויפשטייג, די „גאָלדענע עפּאָכע" פון שפּאַנישן יידנטום, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פון 10טן י"ה (די צייט פון רב חסדאי אבן־שפרוט, 915-970) און ביז דעם גירוש שפּאַניע, סוף 15טן י"ה (2טער אויגוסט, 1642).

שפּעטער איז אויך דער יידישער קיבוץ אין שפּאַניע פאַראורטיילט געוואָרן צום אומקום. אָבער אויך דאַן האָט דער גורל געפירט צו דעם, אַז בעת די זון האָט אָנגעהויבן אונטערגיין איבער דעם דאָרטיקן קיבוץ און איבער אים האָט זיך אַרויסגערוקט די פינצטערע נאַכט פון אינקוויזיציע און, צום שלוס, דער גירוש פונעם לאַנד — איז די זון אויפגעגאַנגען איבער די יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע.

צו יענער צייט זיינען די דאָרטיקע יידישע קהילות געווען אין פאָרויס פולשטענדיק גרייט איבערצונעמען צו ט־אָגן אויף זייערע אייגענע אַחריות דעם גורל פונעם פאָלק און פאָרצוזעצן ווייטער צו אַנטוויקלען די איבערגענומענע ירושה פון די גרויסע יידישע קולטור־אוצרות, וואָס זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן אין משך פון פילצאָליקע דורות אין ישראל, יהודה, בבל און שפּאַניע.

נון, צום גרויסן אומגליק, די געשיכטע האָט זיך ווידער איבערגעחזרט: די גרויסע קאַטאַסטראָפע פון אונדזער אייגענעם איצטיקן דור. פאַר אונדז אין די אויגן איז אומגעקומען דער רוב מנין און רוב בנין פון דעם אייראָפּייאישן יידנטום. הינטער די אייזערנע פורהאַנגען זיינען געבליבן צעשאָטענע שארית הפליטה, דער עיקר אין סאָוועטן פאַרבאַנד, אָבער אויך זיי זיינען פאַראורטיילט צום אומקום דורך געצוואונגענער פיזישער און גייסטיקער אַסימילאַציע.

ווערט געשטעלט די האַרבע פראַגע: עד' כאן? דערמיט ענדיקט זיך דער קיום פונעם יידישן פאָלק? איז שוין אונדזער מיסיע אויף דער וועלט אויף אַזויפיל דערפילט אַז מיר מעגן שוין אומקומען?

איז אונדזער ענטפער אויף דעם: נ י י ן ! ניין, מיטן טראָפּ אויף דעם. בשום אופן ניט ! משיח איז נאָך ניט געקומען און אונדזער מיסיע איז נאָך ניט דערפילט !

פאַרשטענדלעך — וואָרעם דאָס איז דאָך דער אינסטינקט פון נאַטור, וואָס איז די אייגנשאַפט פון סיי בעלי חי און סיי דוממים — מיר ווילן אונדזער פיזישן קיום ניט אויפגעבן בשום אופן. אָבער אויך אין אונדזער גייסטיקן קיום זיינען מיר באַוואוסטזיניק, אַז מיר פאַרמאָגן אַזויפיל אומגעהויער גרויסע און רייכע אוצרות, אַז מיר ווילן זיך מיט זיי ניט שיידן, בשום אופן ניט, אפילו אַז מיר זאָלן באַדאַרפן איבער דעם פאָרזעצן צו גיין על קידוש השם.

אָבער, שטעלט זיך דערביי די פראַגע, ווי אַזוי קענען מיר און וועלן מיר היילן אונדזערע פיזישע וואונדן און דערצו נאָך אויך פרעזערווירן אונדזערע גייסטיקע ווערטן ? ווער וועט עס טאָן פאַר אונדז ?

זיינען די איינציקע אויף וועמען מיר קענען אַרויסקוקן אין אָט־דעם פּרט — דער איצטיקער גרעסטער יידישער ישוב אויף דער וועלט, די יידן אין אַמעריקע, און דער ענערגישער און באַוואוסטזיניקער יידישער ישוב אין ישראל. זיי ביידע דאַרפן זיך אָנטאָן מיט כוחות איבערצונעמען די גרויסע אַחריות פאָרצוזעצן די יידישע טראַדיציע און אַנטוויקלונג פון קולטור — פון דער דאָזיקער ספּעציפיש יידישלעכער קולטור, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון אומצייליקע דורות און וואָס איר לעצטער אויסדרוק האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגות אין די אייראָפּעאישע ישובים וואָס מיר טרעטן איצט אויף זייערע חורבות.

שטעלט זיך דערביי די פראַגע אויפסניי: זיינען, אָט־די צוויי ישובים, ראוי צו זיין די יורשים פון אָט־דער גרויסער קולטור טראַדיציע ? זיינען מיר פעאיק דאָס צו טאָן? און דער עיקר, זיינען מיר אין אַמעריקע פעאיק דאָס צו טאָן? אויף אונדזער ישוב אין ישראל לייגן מיר גרויס בטחון, אַז ער וועט זיין מיסיע דערפילן. אָבער וועלן מיר, דאָ הי אין אַמעריקע, אויך קענען דערפ־לן אונדזער אָנגעצייכנטע מיסיע ? וועלן מיר דאָ הי קענען



פאָרזעצן צו אַנטוויקלען דעם יידישן אינטעלעקט אויף אַ שטייגער אַז מיר זאָלן קענען באַרייכערן און אַנטוויקלען אונדזערע קולטור־ווערטן אויף אַ שטייגער אַז ס'זאָל אונדז געבן גייסטיקע שעפערישקייט?

אָבער די דאָזיקע פראַגע קען אַזוי איינפאַך ניט פאַרענטפערט ווערן. מ'קען דעם ענטפער ניט פאַראַלגעמיינערן. דער ענין איז צו קאָמפּליצירט צו קענען אויף דעם געבן אַן אַלגעמיינעם ענטפער.

קודם דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַז די יידישע געשיכטע האָט זיך תמיד אַנטוויקלט אין מער ווי איין צענטער, ווייל גלייכצייטיק האָט אַלע מאָל עקזיסטירט מער ווי איין יידישער צענטער. אייניקע זיינען געווען גרעסער, אַנדערע קלענער, אָבער שטענדיק האָבן זיי משפּיע געווען איינע אויף די אַנדערע. אפילו דער תנ"ך, אָט די גרויסע יידישע שאַפונג, וואָס קיין פאַרגלייך איז צו דעם ניט פאַראַן אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור, אפילו אָט־די שאַפונג פאַרמאָגט אין זיך די שריפטן פון צוויי גרויסע נביאים, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן ניט אין ארץ־ישראל, נאָר אין בבל. דאָס זיינען די שאַפונגען פון יחזקאל און ישעיה ב'.

אויך ווען די יידישע אַנטוויקלונג אין דער צייט פון בית־שני האָט דערגרייכט אירע העכסטע מדרגות, האָט גלייכצייטיק געבליט אַ גרויסער יידישער ישוב אין מצרים, דער עיקר אין אַלעקסאַנדריע. אָט־דער ישוב האָט אַרויסגעגעבן אַ מאָנומענטאַל ווערק — דעם סעפּטואַגינט, די אַלט־גריכישע איבערזעצונג פונעם תנ"ך. אויך האָט דאָרט געלעבט און געווירקט דער גרויסער יידישער טעאָלאָג און פילאָזאָפישער דענקער, פילון, און דאָרט זיינען אויך געשאַפן געוואָרן אייניקע ווערק פון דער יידישער אַפּאָקריפישער ליטעראַטור — דער גניזה.

אַרום דער זעלביקער צייט האָט זיך אויך אַנטוויקלט אַ יידישער ישוב אין רוים, וואָס האָט סטימולירט די אומשאַצבאַרע היסטאָרישע שאַפונגען פון יוסיפון.

שפּעטער צו, ווען די יידן אין בבל זיינען געשטאַנען אויף זייער העכסטער מדרגה פון אַנטוויקלונג, זיינען גלייכצייטיק געווען יידישע צענטערס אין ארץ ישראל, אין מצרים, אין צפון־מערב אַפריקע און אין דרום אייראָפּע.

און אין דער צייט פון דער „גאָלדענער עפּאָכע" פון שפּאַניע, האָבן יידישע ישובים געבליט און זיך אַנטוויקלט אין מצרים, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, איטאַליע, בעהמען און דער אָנהייב פונעם יידישן ישוב אין פוילן און אוקראַינע.

נאָכן גירוש שפּאַניע האָט זיך דער יידישער קולטור־צענטער אַריבערגעטראָגן קיין מיזרח־אייראָפּע, אָבער אויך דאָ האָבן זיך געשאַפן עטלעכע יידישע צענטערס, וואָס האָבן געווירקט איינע אויף די אַנדערע: פוילן, ליטע, רוסלאַנד, פראַנקרייך, האָלאַנד, גריכנלאַנד, ארץ ישראל.

האָבנדיק דאָס אַלץ אין זינען, וואָלט אויך איצט געווען אַ טעות צו באַטראַכטן דעם ענין יידישקייט בלויז אין שייכות מיט די פאַראייניקטע שטאַטן און מדינת ישראל, און דערביי אויסלאָזן די יידישע ישובים אין קאַנאַדע, מעקסיקאָ און דרום־אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך און, ווער ווייסט, אפשר — מיט דער צייט — אויך פוילן און רוסלאַנד.

אָט זען מיר, אַז אין אַרגענטינע ווערן איצט געדרוקט מער יידישע ביכער איידער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און וואָס שייך אַנגלאָ־יודאַיקאַ האָט ענגלאַנד ביז איצט אַריבערגעשטיגן אַמעריקע און אַרויסגעגעבן ענגלישע איבערזעצונגען פון דער משנה, תלמוד, מדרש, זוהר, רמב"ם און אַזוי ווייטער.

* * *

אין משך פון דער לאַנגער יידישער געשיכטע האָט זיך אַלע מאָל געמערקט, אַז ווען די זון האָט אָנגעהויבן אונטערגיין אין איין יידישן צענטער, האָט זי אָנגעהויבן אויפגיין אין אַן אַנדער צענטער. אייניקע היסטאָרישע פאָרשערס האָבן אפילו געוואָלט פאַרטייטשן אָט די געשעענישן אויף אַ מיסטישן שטייגער: זיי האָבן אין דעם אַריינגעטייטש די כוונה פון אַן השגחה עליונה פון נצחיות ישראל.

מיר ווילן דאָ אָבער אויסמיידן מיסטיציזם און באַטראַכטן דעם ענין פון אַ סאָציאַלן און עקאָנאָמישן קוק־ווינקל.

ווען די אַלגעמיינע סאָציאַלע באַדינגונגען אין אַ לאַנד הייבן אָן צעפוילט

ווערן און זיי פאַלן פאַנאַנדער, פירט עס אומעטום צו פאַרשאַרפטע געפילן און איסברוכן, און די יידן ווערן געצוואונגען אין אַ גלייכער מאָס צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. נאַטירלעך, עמיגרירן זיי אין אַ לאַנד, וואָס איז, ערשטנס, נעענטער, און, צווייטנס, וואו די סאָציאַלע באַדינגונגען זיינען מער גינסטיק און זיי, די אַריינוואַנדערער, ווערן אויפגענומען מיט מער גאַסטפריינדשאַפט. דער פאַקט, וואָס דאָס נייע לאַנד איז גאַסטפריינדלעך איז אַ גענוגענדיקער באַווייז, אַז די סאָציאַלע באַדינגונגען זיינען דאָרט גינסטיק פאַרן אַ יידישן ישוב און אַז די עקאָנאָמישע אומשטענדן זיינען דאָרט אַזעלכע, וואָס שאַפן אַ באָדן פאַר יידישער אַנטוויקלונג און ס'קען אויך ברענגען נוצן דער אַלגעמיינער עקאָנאָמיע פון דעם לאַנד. אַזוי זיינען אומעטום געווען די אומשטענדן וואו יידישע ישובים האָבן זיך אַנטוויקלט.

בבל איז געווען אויפנאַמס־פעאיק פאַר יידישער איינוואַנדערונג נאָך די חורבנות פון סיי דעם ערשטן און סיי דעם צווייטן בית־המקדש. די יידן האָבן באַרייכערט שפּאַניע, ווען די טעריטאָריע איז באַהערשט געוואָרן דורך די מוסולמאַנישע מורן. פוילן און ליטע זיינען געווען פאַרהעלטניסמעסיק גאַסטפריינדלעך צו די יידישע איינוואַנדערער נאָך דעם גירוש פון שפּאַניע. דאָס איז דערפאַר וואָס די יידן פון דער שכנותדיקער דייטשער טעריטאָריע האָבן געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָליע אין דעם פאָרשריט פון דעם פוילישן קעניגרייך אין פערצנטן יאָרהונדערט אונטער דער ממשלה פון קאַזימיר דעם גרויסן.

איצט זיינען די דאָזיקע באַדינגונגען שוין מער אין ערגעץ ניט גילטיק. איינע פון די הויפּט אורזאַכן, וואָס האָבן געפירט צו דעם אומקום פון די זעקס מיליאָן יידן דורך די דייטשן, איז דאָס וואָס קיין לאַנד האָט ניט געוואָלט עפענען פאַר זיי די טויערן. משמעות, די יידן האָבן ניט געהאַט וואוהין צו אַנטלויפן. די סאָציאַלע באַדינגונגען אויף דער וועלט זיינען איצט אינגאַנצן אַנדערש ווי זיי זיינען געווען אין דער צייט פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די טויערן פון אַ סך לענדער זיינען געווען ברייט אָפן פאַר אימיגראַציע. די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען אין, לאָמיר זאָגן, מערב אייראָפּע, אַמעריקע, דרום־אַמעריקע, אויסטראַליע, דרום־אַפריקע און אַנדערע מדינות זיינען איצט אַזעלכע, אַז זייערע רעגירונגען געפינען פאַר נייטיק צו שליסן זייערע טויערן פאַר נייער אימיגראַציע.

דער פּועל־יוצא איז, אַז בעת בבל האָט געקענט אויפנעמען אַ יידישע איינוואַנדערונג נאָך די חורבנות פון די צוויי בית־המקדשן; בעת שפּאַניע און מיזרח אייראָפּע האָבן געקענט אויפנעמען יידישע מאַסן־איינוואַנדערונגען ווען די צייטן האָבן עס געפאָדערט — זיינען מיר, די יידן אין אַמעריקע, איצט אָפּגעשניטן געוואָרן — פּלוצים און פולשטענדיק — פון יענע מקומות פון וועלכע מיר האָבן געצויגן אונדזערע גייסטיקע חיונה — פון רוסלאַנד, פוילן, גאַליציע, ליטע, און די באַלקאַנען — אָפּגעשניטן פון זייערע גימנאַזיעס, פאָלק־שולן, ישיבות א.אַ.וו.

פאַר אונדז איז עס אַן אומפאַרגלייכלעכע קאַטאַסטראָפע. איצט, ווען מיר וואָלטן באַדאַרפט באַגעגענען און איינגלידערן צווישן זיך גרויסע מאַסן פון די מיליאָנען יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין אַלע טיילן פון אייראָפּע און רוסלאַנד; ווען מיר וואָלטן באַדאַרפט באַפעסטיקן אונדזער יידיש־אַמעריקאַנישע קולטור אויף די יסודות פון די קולטור־אוצרות וואָס וואָלטן צו אונדז אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון אייראָפּע — די אוצרות וואָס אונדזערע ברידער האָבן דאָרט געזאַמלט און אַנטוויקלט אין משך פון הונדערטער יאָרן — דערוויסן מיר זיך איצט ווי קולטורעלע יתומים, וואָס זיינען אויסגעזעצט אויף אייגענע נאָך גאָר קנאַפּ אַנטוויקלטע כוחות.

עס איז ניט פון אַלעמען אָנערקענט, אַז אין די עפּאָכעס פון יידישער געשיכטע, ווען יידישע צענטערס האָבן אַריבערגעוואַנדערט פון איין לאַנד אין אַ צווייטן, זיינען די דאָזיקע נייע צענטערס ניט אויפגעקומען פּלוצים. זיי האָבן זיך ניט אַנטוויקלט איבערנאַכט, נאָר אין משך פון אַ סך דורות. דער יידישער ישוב אין בבל איז שוין אַלט געווען עטלעכע הונ־



דערט יאָר, ווען ער האָט אָנגעהויבן אויפנעמען יידישע איינוואַנדערונג נאָכן חורבן פונעם צווייטן בית־המקדש; דער יידישער ישוב אין מיזרח־אייראָפּע איז אויך אַלט געווען הונדערטער יאָרן ווען אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן אויפצונעמען די יידישע איינוואַנדערונג נאָכן גירוש שפּאַניע. דאָרטן איז די יידישע קולטור שוין געשטאַנען אויף גאָר הויכע מדרגות ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אַבסאָרבירן די יידישע קולטור־ווערטן צוזאַמען מיט די אימיגראַנטישע מאַסן פון די אַנדערע לענדער.

און אַרויסקומענדיק פון דער דאָזיקער הנחה איז כדאַי זיך אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון: ווי האַלט עס איצט מיט דער יידישער קולטור אין אַמעריקע? איז זי גענוג אַנטוויקלט און געפינט זי זיך אויף אַ געהעריקער הויכער מדרגה בכדי צו קענען פאָרזעצן די אָנזאַמלונג און אַנטוויקלונג פון יידישע גייסטיקע אוצרות, וואָס זיינען אונדז איבערגעגעבן געוואָרן בירושה פון דור דורות?

פאַראַן איניקע צווישן אונדז וואָס זיינען זייער פּעסימיסטיש געשטימט און זיי זיינען להוט צו פאַרדאַמען דאָס אַמעריקאַנער יידישקייט, אַז ס'איז אין טענדענץ אַסימילאַטאָריש און ס'האָט ניט קיין זאָרג פאַר דעם גורל פון יידישקייט.

אַזאַ פּעסימיסטישער אַרט דענקען איז אָבער אומבאַגרינדעט. מענטשן וואָס דענקען אַזוי, פעלט זיי דער פּערספּעקטיוו פון היסטאָרישן אַריינדרינגען אין זאַכן. חוץ דעם — זיי זיינען ניט פעאיק צו דערקענען און צו שאַצן די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן און די יידישלעכע אינטעליגענץ פון די יידן אין אַמעריקע.

עס איז ניטאָ קיין שום גרונט צו דענקען, אַז די אַמעריקאַנער יידישע קהילה פאַרמאָגט ניט די אינטעליגענץ און שטייט ניט אויף אַזאַ הויכער קולטור־מדרגה ווי עס זיינען געשטאַנען די יידישע קהילות אין בבל, שפּאַניע, אָדער מיזרח אייראָפּע, בעת זיי האָבן אין זייערע צייטן איבערגענומען די יידישע קולטורעלע ירושות פון די צענטערס וואָס זיי האָבן פאַרביטן.

איניקע זיינען אַזוי פּעסימיסטיש געשטימט, אַז זיי זאָגן, אַז דער איינציקער וועג ווי יידישקייט קען פאַרהיטן ווערן אין אַמעריקע, איז דורך אינגאַנצן אונטערצוגעבן זיך צו דער השפּעה פון ישראל; אַנדערע זיינען נאָך מער פּעסימיסטיש און זיי זאָגן,, אַז די אַמעריקאַנער יידן דאַרפן זיך ראַטעווען דורך באַזעצן זיך אין ישראל. דאָס הייסט, דאָ אין לאַנד זיינען זיי פאַראורטיילט צום גייסטיקן אומקום.

די דאָזיקע עקסטרעמע פּעסימיסטישע שטימונגען זיינען לחלוטין אומבאַרעכטיקט. מיר האָבן קיין שום רעכט ניט אָנצונעמען אַזאַ שטעלונג לגבי אַמעריקאַנער יידישקייט. זיכער איז אַזאַ שטעלונג גרונטלאָז ווען דער ענין זאָל באַטראַכט ווערן פונעם היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. פון אָט־דעם שטאַנדפּונקט טאָרן מיר ניט פאַרגעסן דעם פאַקט, אַז די יידישע מאַסן־איינוואַנדערונג דאָ הי האָט זיך ערשט אָנגעהויבן מיט וואָסערע קנאַפּע זעכציק יאָר צוריק. דאָס הייסט, אַז אונדזער יידישקייט דאָ הי איז ערשט קוים אַריינגעקומען אינעם צווייטן און דריטן דור און ס'האָט נאָך לפי ערך ניט געהאַט קיין צייט און קיין מעגלעכקייט גרונטצופעסטיקן זיך און צו לאָזן אייגענע וואָרצלען.

לאָמיר דעם ענין פּרוּוון אַנאַליזירן פונעם היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. לאָמיר עס קודם טאָן פונעם כלל אויפן פּרט:

וואָס האָבן — אינעם קולטור זינען — באַטראָפן די פאַראייניקטע שטאַטן אין די ערשטע זעכציק יאָר — אָדער אפילו צוויי מאָל זעכציק יאָר — פון זייער אַנטשטייאונג? — זייער ווייניק.

און איצט פונעם פּרט אויפן כלל: וואָס פאַר אַ פּנים האָט געהאַט דאָס באַבילאָנישע יידישקייט זעכציק יאָר נאָך דער אַנטשטייאונג פון דעם דאָרטיקן ישוב? און אַזוי אויך די יידן פון שפּאַניע און די יידן פון מיזרח אייראָפּע? — אויך ווייניק וואָס.

און מיט דער זעלביקער מאָס באַדאַרפן מרי באַטראַכטן דעם יידישן ישוב דאָ הי.

ווען אין באַוואוסטזיניקע יידישע קרייזן דאָ הי ווערט אויפגענומען די פראַגע פון יידישער קולטור וואָס ווערט געשאַפן אין אַמעריקע, ווערט זי דערביי שאַרף — אָפּט מאָל צו־שאַרף — קריטיקירט. אָבער אויך אין שייכות מיט דעם איז כדאַי אַז מיר זאָלן פירן אַ פאַרגלייך מיט דעם אויסדרוק פון יידישער קולטור, אַזוי ווי עס האָט זיך געענדערט און אייגנאַרטיק אַנטוויקלט בשעתם אין די אַמאָליקע פאַרשיידענע

יידישע צענטערס פון באַשטימטע ערטער, ווען זיי האָבן פאַרביטן אַנדערע יידישע צענטערס בעת די לעצטע זיינען אומגעקומען.

למשל, ס'איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז די עצם ווערטן פון דער יידישער קולטור, די רעליגיעזע אויפפירונגען, די מנהגים, דער אַרט לעבן, די נוסחאות פון די תפילות, דער עצם שטייגער לעבן, די סאַמע ליטעראַטור פון דעם יידישן פאָלק אין די ביבלישע צייטן פון יהודה און ישראל — דאָס אַלץ איז גרינטלעך געענדערט געוואָרן דורך די יידן אין בבל. דאָרטן, אין בבל, איז די תורה געטייטשט און איבערגעטייטשט געוואָרן אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער, בכדי צוצופאַסן אירע געבאָטן צו דעם געענדערטן סאָציאַלן לעבנס-שטייגער וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אין בבל.

צו דער תורה זיינען צוגעגעבן געוואָרן פירושים און אויפקלערונגען, באַוואוסטזיניקע מאָדיפיקאַציעס און תלמודישע איינשטעלונגען, צוגעפאַסט צו די נייע רעפאָרמאַטאָרישע אויפקלערונגען פון דער דענסטמאָל מאָדערנער צייט, לויט וועלכע געזעצן די יידן אין בבל האָבן זיך דעמאָלט אויפגעפירט. אמת, עס זיינען אויפגעהיט געוואָרן די אָריגינעלע יידישלעכע עטישע פרינציפּן און דער תמצית פון יידישן מאָנאָטעאיסטישן רעליגיעזן גלויבן; אויך זיינען פאַרהיטן געוואָרן די מקורות פון יידישן געשיכטלעכן איינשטעל לויט, ווי זיי ווערן איבערגעגעבן אין דער תורה און כתובים, אָבער דאָס אַלץ איז איבערגעטייטשט געוואָרן אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער און זיך צוגעפאַסט צו דעם נייעם רעפאָרמאַטאָרישן אַרט פון דעם נייעם לאַנד וואו דער ישוב האָט זיך איינגעאָרדנט און אַנטוויקלט. די פעדים וואָס האָבן פאַרבונדן מיטן עבר זיינען טאַקע ניט איבערגעריסן געוואָרן, אָבער אַנטוויקלט האָבן זיי זיך אויף אַ באַזונדערן שטייגער.

ענלעך רעפאָרמאַטאָריש האָבן געהאַנדלט די יידן אין שפּאַניע אין דער צייט פון דער אַזוי-גערופענער „גאָלדענער עפּאָכע.“ אַזוי אויך די יידן אין פּראָוואַנס, וואו עס איז גלייכצייטיק מיט די שפּאַנישע יידן, אַנטוויקלט געוואָרן אַ באַדייטנדיקער יידישער קולטור־צענטער. די דאָזיקע צוויי יידישע ישובים האָבן טאַקע אָנגענומען די אַלע דינים און מנהגים, וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן דורכן תלמוד בבלי. זיי האָבן אָבער די דאָזיקע דינים און מנהגים געטייטשט און פאַרטייטשט אויף זייער אייגענעם אייגנאַרטיקן שטייגער און זיי צוגעפאַסט צו די לעבנסבאַדינגונגען פון זייערע אייגענע סביבות. דאָס הייסט, זיי האָבן אַנטוויקלט אַ צוגאָב, אַ צושטייער צו דעם תלמוד בבלי אין הסכם מיט דער ספּעציפיש שטייגערישער אייגנאַרטיקער קולטור. בעסער געזאָגט, זיי האָבן באַרייכערט די אַלטע יידישע קולטור, וואָס זיי האָבן איבערגענומען בירושה פון די אַמאָליקע דורות, מיט אַ צוגאָב פון נייע ווערטן — דורך אַן אייגנאַרטיקן אויסטייטש פון דער דאָזיקער אַלטער קולטור. זיי האָבן דורך תוספות און מפרשים אַזוי געטייטשט און פאַרטייטשט דעם תלמוד און דעם תנ"ך, אַז די דינים און משפטים, וואָס זיינען דאָרט אַנטוויקלט, זאָלן זיך אַריינפּאַסן אין זייער אייגענעם שטייגער לעבן, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין זייערע באַזונדערע סביבות מיט דעם פאָרשריט פון דער צייט און אונטער דער השפּעה פון דער אומגעבונג.

דער חילוק איז נאָך גרעסער צווישן דער אויפפאַסונג פון יידישקייט צווישן די יידן פון שפּאַניע און דער יידישקייט אויפפאַסונג פון דעם שפּעטערדיקן אַנטוויקלטן יידישן קולטור־צענטער אין מיזרח־אייראָפּע.

אמת, וואָס שייך קולטור־שעפערישקייט איז דאָס מיזרח־אייראָפּעאישע יידנטום געווען אָפּגעשטאַנען לגבי דער בליצייט שעפערישקייט פון דעם שפּאַנישן יידישן ישוב. די מיזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן ניט באַוויזן אַרויסצוגעבן אַזעלכע מייסטערווערק ווי עס האָבן געשאַפן די גאונים פון צווישן די יידן פון שפּאַניע, אויף די געביטן פון פילאָסאָפיע, הלכה, פּאָעזיע און וויסנשאַפט. די שאַפונגען פון אַזעלכע גאונים ווי רמב"ם, יהודה הלוי, אבן יהודה קרשקש (קרעסקעס), חסדאי („אור ה״") אבן שפרוט, אברהם און משה אבן עזרא און נאָך און נאָך.



אפילו דאָס גרויסע מיסטישע מייסטערווערק, דער זוהר, איז דער ספּעציעלער פּראָדוקט פון די שפּאַנישע יידן.

דערפאַר האָבן די מזרח אייראָפּעאישע יידן — די יידן פון פּוילן, ליטע און רוסלאַנד — באַוויזן צו שאַפן עטוואָס אַנדערש, וואָס איז אפשר נאָך מער גרויסאַרטיק — זיי האָבן צווישן זיך איינגעאָרדנט אַזאַ אייגנאַרטיקן טאָג־טעגלעכן לעבנסשטייגער, וואָס צו דעם איז קיין גלייכן ניט געווען, ניט צווישן די יידן פון פריער, ניט איבער דער וועלט בכלל, און וואָס איז אַ ספק צי אַזאַ גלייכן וועט נאָך ווען עס איז ווידער זיין:

זיי האָבן געשאַפן אונדזער יידישלעכן לעבנסשטייגער, וואָס קאָנטראָלירט, אין אַבסאָלוטן זינען פונעם וואָרט, דעם אויפפיר פון יעדן יחיד 24 שעה אין מעת־לעת. די פרומע אויפפירונג פון די מיזרח־אייראָפּעאישע יידן; זייער אָפּהיטן פון די תרי"ג מצוות; דאָס זיין פאַרטיפט אין לערנען — דער עיקר גמרא, פוסקים און מוסר ספרים; דאָס צופּאַסן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן און אַלע מנהגים און אויפפירונגען צו די כללים און פרטים פון יידישער עטיק — אָט די אַלע זאַכן צייכענען אויס די אייראָפּעאישע יידן אין אַ באַזונדערער, הערלעכער אייגנאַרטיקייט.

קיין פאָלק און קיין לאַנד אין דער מענטשלעכער געשיכטע האָט ניט דערגרייכט אַזאַ דערהויבענע מדרגה וואו אַזאַ גרויסע פּראָפּאָרץ פון דער באַפעלקערונג זאָל קענען לייענען און שרייבן, ווי דאָס איז דערגרייכט געוואָרן פון אונדזערע עלטערן אין מיזרח און צענטראַל אייראָפּע. אפילו אין אַזעלכע לענדער וואו קינדער שול־דערציאונג איז אָבליגאַטאָריש, ווי, צום ביישפּיל, די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד, קאַנאַדע — אפילו דאָ איז אַנאַלפאַבעטישקייט ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן אין אַזאַ גרויסער מאָס ווי דאָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך אונדזערע עלטערן אין אייראָפּע, דער עיקר אין מיזרח און צענטראַל אייראָפּע.

פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז עס ניט ריכטיק צו פאַרגלייכן די רעלאַטיווע און שייכותדיקע מעלות און ווערטן פון די ביבלישע, בבל'דיקע, שפּאַנישע און צענטראַל און מיזרח אייראָפּעאישע יידישע קולטורן. מיר דאַרפן זי שאַצן ניט פונעם אויסגאַנג־פונקט וואו זיי זיינען סותר איינע די אַנדערע נייערט פון דעם שטאַנדפּונקט וואו זיי קומען זיך צונויף, וואו זיי דערפילן איינע די אַנדערע און וואו זיי האַרמאָניזירן צווישן זיך. מיר דאַרפן לייגן דעם עיקר געוויכט אויף יענע עלעמענטן, וואָס זיינען אַלגעמיין פאַר זיי אַלעמען, די עיקר געדאַנקען וואָס ליגן אויף זיי אַלעמען דעם צייכן פון יידישלעכקייט — אין חילוק פון דעם וואָס איז ניט־יידישלעך, אָדער פרעמד און דערווידער צו יידישקייט; דעם עצם וואָס צייכנט אויס דעם ייד ווי אַזוינעם אין דער סביבה פון ניט־ייד און וואָס ציט זיך ווי אַ ריכטליניע אין משך פון דער לאַנגיאָריקער יידישער געשיכטע אין דעם אייגענעם לאַנד און סיי אין גלות.

אַזוי אַרום זאָל דערביי דאָ באַטאָנט ווערן, אַז ס'איז סיי פאַלש און סיי שעדלעך צו נידערשעצן אין פאָרויס די קולטור וואָס די אַמעריקאַנער יידישקייט האָט געשאַפן ביז איצט און, דער עיקר, וואָס זי פאַרשפּרעכט צו שאַפן און צו אַנטוויקלען אין דער צוקונפט.

פאַרשטענדלעך, אַז ס'איז ניט פאַראַן די מינדסטע מעגלעכקייט, אַז אונדזער היגע יידישע קולטור, אָדער די קולטור פון אונדזערע קינדער, וועט קענען זיין די זעלביקע ווי עס איז געווען די קולטור פון אונדזערע עלטערן אויף יענער זייט ים. מיר לעבן איצט אין אַנטשיידנדיק אַנדערע סאָציאַלע באַדינגונגען.

דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אַנטוויקלט זיך. זי האָט דערגרייכט אַ מדרגה פון רייפקייט. זי אַנטוויקלט איצט באַגריפן פון אינסטיטוציעס און ווערטן וואָס זיינען אייגנאַרטיק. למשל, זאָל דערביי אָנגעצייכנט ווערן אויף איין אייגנאַרטיקער יידישער אינסטיטוציע, וואָס איז אויפגעקומען אין אַמעריקע און וואָס ערגעץ אַנדערש איז צו דעם ניט פאַראַן קיין גלייכן, און דאָס איז דער „דזשואיש סענטער.“ אין אָט די צענטערס און דורך אָט די צענטערס אַנטוויקלט זיך אַ יידישלעך קולטור־לעבן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש און אייגנאַרטיק אַמעריקאַניש־יידישלעך ווי דער עצם צענטער איז כאַראַקטעריסטיש און אייגנאַרטיק.

אָדער לאָמיר גיין נאָך ווייטער: דער געביט פון יידישער דערציאונג דאָ אין לאַנד. די ערשטע ריין־וועלטלעכע יידישע פאָלקשולן זיינען ביסלעכווייז געוואָרן וואָס ווייטער און מער נאָכגיביק וואָס שייך רעליגיעזער טראַדיציע און אפילו שפּראַכיקייט. די פאָלקשולן פּאַסן זיך צו מער אידייאיש צום יידישן געשיכטלעכן עבר און קניפּט און בינדט עס ענג און ענגער מיט דער קעגנוואַרט און אונדזער טאָפּלטן בונד — אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, פון איין צד, און מדינת ישראל, פון צווייטן צד, און גלייכצייטיק געפלאָכטן און געבונדן מיט דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט פון מעבר לים פון דער ניט־לאַנגאָניקער פאַרגאַנגענהייט.

אפילו די רעפאָרם־באַוועגונג אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך אַמאָל צופרידן־געשטעלט מיט אַן איינטאָגיקער „סאָנדעי סקול", שטיצט איצט אַ מער אויסגעשפּרייטע דערציאונגס באַוועגונג פון אַ לכל הפחות דריי־טאָגיקער שול־סיסטעם פאַר העברעאישער און אַלגעמיין־יידישער דערציאונג פאַר קינדער און יוגנט, מיט אַ צוגאָב פון יידישער דערציאונג פאַר דערוואַקסענע.

דער וואוקס און אויסשפּרייט פון יידישע טאָגשולן איז אַן איבעריקער באַווייז, אַז יידישע עלטערן — אפילו פון דריטן און פערטן דור אַמעריקאַנער — ווילן געבן זייערע קינדער אַ פולע יידישע דערציאונג איניינעם מיט באַרייכערן זיי מיט אַ געמיינעם און וועלטלעכן וויסן.

די אַלע סימפּטאָמען צונויפגענומען שפּיגלען אָפּ די אַלע סימנים פון אַ געזונטן זיך אַנטוויקלדיקן אויפשטייג און אויפבּרויז פון יידישלעכן לעבן אין אַמעריקע, און — וואָס איז עיקרדיק וויכטיק — ס'באַווייזט, אַז מיר דאָ הי זיינען ניט אַן איבערבלייב פון אַ פאַרעלטערטער און אומקומענדיקער קולטור, נאָר אַז דער ניי־אויפקומענדיקער אַמעריקאַנער ייד, אַמעריקאַניש באַאיינפלוסט און יידישלעך באַגייסטערט, וועט שאַפן אַ צוזאַמענבונד צווישן די גרויסע ווערטן, וואָס מיר האָבן איבערגענומען בירושה פון אונדזער רייכן עבר מיט דעם וואָס עס ברענגען צו אונדז די דערפאַרונגען פון היינט מיט די פּראָספּעקטיווע פאַרצייכענונגען פון דער צוקונפט.

דאָס איז וואָס שייך עלעמענטאַרער יידישער דערציאונג. דאָס זעלבע איז אויך ריכטיק וואָס שייך דער העכערער יידישער וויסנשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. מיר האָבן איצט אַ צאָל פאַרצווייגטע יידישע אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס פון גאָר גרויסן באַדייט: דראָפּסי קאַלעדזש, היברו יוניאָן קאַלעדזש, יידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר, ישיבה קאַלעדזש און אוניווערסיטעט, בראַנדייס אוניווערסיטעט, די עטליכע היברו קאַלעדזשעס אין ניו־יאָרק, באָסטאָן, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, לאָס אַנגעלעס און אַנדערשוואו, דער יידישער לערער־סעמינאַר, און אַזוי ווייטער — זיי אַלע זיינען פאַרשפּרעכנדיקע סימנים פון יידישן קולטורעלן אויפשטייג דאָ אין לאַנד.

נאָך מער דערפרייענדיק איז דער פאַקט, וואָס אַ היפּשע צאָל פון אַלגעמיינע קאַלעדזשעס און אוניווערסיטעטן דאָ אין לאַנד עפענען פאַקולטעטן פאַר יידישע, העברעאישע און סעמיטישע שטודיעס. צווישן זיי דאַרפן פאַררעכנט ווערן דער ניו־יאָרק אוניווערסיטעט, קאָרנעל אוניווערסיטעט, וועין סטייט אוניווערסיטעט, די אוניווערסיטעטן פון וויסקאָנסין, קענטאָקי און קאַליפאָרניע.

מיר קענען זיך מער ניט פאַרלאָזן אויף אייראָפּעאישע ישיבות און גימנאַזיעס, אַז זיי וועלן אונדז צושטעלן יידישן וויסן פאַרן היגן געברויך; אויך קען ישראל דאָס ניט באַווייזן צו טאָן אין אַ פולער מאָס. איז דערפאַר אַ פרייד צו זען, אַז יידיש אַנטוויקלט זיך דאָ הי און דאָ־הי־אייגנאַרטיק אין אַ געהעריקער מאָס. עס וועט ניט זיין קיין פּוילישע יידישקייט, אפשר ניט קיין מענדעלע־פּרץ־שלום עליכם יידישקייט, אפשר אויך ניט קיין בעש"ט און צדיקיש־חסידישע יידישקייט, אָבער יידישקייט וועט עס זיין! אַמעריקאַניש־יידישקייט, אָבער פּאָרט יידישקייט! אין דעם קענען מיר זיכער זיין! אויך קענען מיר זיכער זיין, אַז די בריק צווישן ישראל און אַמעריקאַנער יידישקייט וועט אויפגעהאַלטן און געפעסטיקט ווערן!



**משה גורין / ישראל**

## צוויי לידער*)

## תפילה

גאָט פון די חורבות און געטאָס,
גאָט פון די פאַרלאָשענע שטערן,
פון אויגן וואָס וויאַנען ווי בלעטער,
פון שטיינער וואָס וויינען מיט טרערן.

פון שלעסער וואָס הענגען פאַרראָסטע,
פון שטעגן פאַרשטומטע אין שטיגן;
גאָט פון די ווערטער די פּראָסטע,
גאָט פון די ליידיקע וויגן,

דערפריי מיך אין שעה פון נסיון,
טרייסט מיך אין ספק פון פרעגן,
באַרויז מיינע שייד־וועגן שעהען,
פאַרזיי דיינע שטערן אויף וועגן.

## אין גאַנצקייט פון אַ פונק

ברענג מיך צו די גוטע פעלדער,
וואו אין גרינע וואַזעס לייגט זיך אָפּ דער מאָן,
ברענג מיך צו די אויסגעשפּיצטע פלויטן
פון וועלכע ס'רופט דעם טאָג אַרויס דער האָן.

ברענג מיך צו אַ קינדערשן אָטעם,
צום האַפן פון די קילע, קלוגע רייד.
זעטיק אָן מיין אויג מיט לאַנדשאַפט
איידער טאָג טוט אויס זיין פאַרביק זוניק־קלייד.

ברענג מיך צו טיפע קוואַלן,
וואו עס ווערט געבאָרן קאַלטער טרונק;
דאָרט וואו ס'צעברעקלען זיך די שטראַלן
און גייען ווידער אויף אין גאַנצקייט פון אַ פונק.

*) פונעם בוך לידער „די גרינע בריק", וואָס וועט בקרוב דערשיינען.

**אהודה רונת / תל־אביב**

## צוויי לידער

## גיב מיר די האַנט

גיב מיר דיין האַנט,
איך וועל דיך נישט פאַרפירן.
איך וועל אויף די שטאַפּלען פון די וואונדערס
נעמען דיך שפּאַצירן.
מיר'ן גיין וואו עס וואַקסט די ערלעכקייט
באַדעקט מיט פּערל־בלעטער,
באַזאַפּט מיט טוי פון בענקשאַפט
צו מענטשלעכע טריט,
מיר'ן גיין וואו ברידערלעכקייט
שיינט און בליט,
וואו טייכן גוטסקייט און ליבע, ווי וועלן
ציען זיך און שווימען.
גיב דיין האַנט צו שטרעקן
צו די כישוף־בלומען.—
ווילסטו צו די טרוימען־ברעגן מיט מיר גיין?
אָדער, מוז איך אַהין, ווי שטענדיק,
גיין אַליין? . . .

*
**

דו האָסט געמאָלט אַ שרעקלעך בילד
מיט גרוי־געלע פאַרבן,
וואוהין מיר גייען נעמען מיר מיט
די טריט פון זייער שטאַרבן.

ווען מיר אָטעמען, שטיקט אונדז דאַן
זייער לעצטער אָטעם.
אָט אַזוי לעבן מיר
אין ליכט פון זייער שאָטן.



**ז. בונין**

# דער זיווג

(דערציילונג)

...מילא, נו, ניט איך וויל, ניט איך וועל און ניט איך קאָן מיין מיינונג אויף איך אַרויפשטעלן, איך אָבער גלויב יאָ אין באַשערט, וואָרום איך האָב, הערט איר, אין מיין לעבן בייגעלעבט זאַכן און געשעענישן, אויף וועלכע מ'קען זאָגן, אַז ס'איז אצבע אלהים. און וועגן איינער פון אָט־די געשעענישן וואָלט איך אייך געוואָלט דערציילן אויב איר ווילט נאָר האָרכן.

„גוט!"

איז געווען ביי אונדז אין מענאַ א ייד מיטן נאָמען ר' יצחק בערשאַדסקי. אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען אַ חייט, אַ שניידער־געזעל, הייסט עס, און זיין נאָמען איז דאַן געווען: איציקל פּאַסטריגע. חתונה האָט ער געהאַט נאָך גאָר יונג, און זיין יונגע, שיינע ווייבל האָט אים אין גאָר אַ קורצע צייט מזכה געווען מיט קינדערלעך.

ווי געוויינטלעך, אַ שניידער־געזעל אין אַמאָליקע יאָרן, איז ער מיט זיינע פאַר־דינסטן קוים דורכגעקראָכן מיט דער חיונה. איציקל פּאַסטריגע איז געווען פאַרקאָכט אין לייענען מעשה־ביכלעך וואָס ער פלעגט נעמען אויף „פּראָקאַט", צוויי קאָפּיקעס אַ ביכל, ביי דעם פאַקנ־טרעגער, ר' שלמה באַשעס. פון שמרס ראָמאַנען, בלאָשטיינס און יהושע מזח'ס מעשיות האָט ער גאָר ניט געקענט זיך אָפּרייסן, היינט „מיסטעריע פאַריז" אָדער דער „אייביקער וואַנדערער" פון סו!

דער פאַקנטרעגער האָט אויך פאַר־קויפט לאָטעריי־צעטלען. האָט ער איין מאָל אָנגעבאָטן איציקן ביי אים קויפן אַזאַ צעטל, אינגאַנצן פופציק קאָפּיקעס.

פופציק קאָפּיקעס איז טאַקע אַ מטבע, באַלד גענוג אויף צוויי טעג הוצאה, האָט זיך איציק געיישובט, אָבער פונדעסט־וועגן, ווידער צוריק, האָט ער אַ טראַכט געטאָן: מענטשן קויפן דאָך די דאָזיקע צעטלעך, און מסתמא עמיצער געווינט דאָך אַמאָל, איז ווער ווייסט, אפשר?

וואָס זאָל איך אייך מאריך זיין — אין אַ שיינעם פרימאָרגן קומט צולויפן דער פאַקנטרעגער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און זאָגט אים אָן די גוטע בשורה, אַז זיין צעטל האָט עולה לגדולה געווען. ער האָט געוואונען דאָס גרויסע געווינס! אמת, ניט אין די הונדערטער טויזנטער, ווי מענטשן געווינען אַמאָל, אָבער מיט צען טויזנט רובל גייט מען שוין אויך ניט באָרוועס . . .

מילא, טרוקן ברויט האָט ער גענוג אין זיין לעבן געגעסן, אָבער געבראָטענע טייבעלעך, ווי זאָגט איר, פליען אויך ניט אַליין אין מויל אַריין. אַ פעאיקער און געראָטענער יונג איז ער געווען, און ווען מענטשן אין שטאָט האָבן זיך דערוואוסט פון זיין גרויס געווינס, איז מען שוין גע־קומען צו אים עצות פרעגן, לייען געלט אויף פּראָצענט און כל הגעשעפטן אים פאָר־געשלאָגן. ער, פאַרשטייט זיך, האָט שער און אייזן פאַרלייגט ערגעץ אין אַ ווינקל און טאַקע אָנגעהויבן לייען געלט אויף פּראָצענט, אָפּגעקויפט עטלעכע „דעליאַנ־קעס" וואַלד בשותפות מיט ר' חיים כאַזאַ־נאָוו, דעם וואַלד־הענדלער, שותפות גע־וואָרן אין אַ שניט־קראָם, אַן אייזן געשעפט און שפּעטער אַליין געוואָרן באַלעבאָס איי־בער דעם. פאַרשטייט זיך, דאָס אַלץ ניט צין איין חודש און ניט אין איין יאָר, און צו וואָס ער האָט זיך נאָר צוגערירט איז ער מצליח געווען.

די צייט איז אויף איין אָרט ניט געשטאַ־נען און יאָרן זיינען געלאָפן. ער האָט שוין

געהאַט, אָן עין־הרע, פינף זין און פינף טעכטער. די זין האָט ער געשיקט אין פאַרשיידענע שטעט אין די ישיבות, די טעכטער — אין לייפציג; איין זון אין לייפציגער קאָנסערוואַטאָריע אויף פידל שפילן, און „קאָניקל"־צייט, ווען די קינדער זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן אויף אַ יום־טוב, און דער זון, דער פידל־שפילער, האָט גענומען שפילן פידל, און איינע פון די טעכטער האָט אונטערגעהאַלטן אויף דער פאָרטעפיאַנע און נאָך איינע האָט דערביי צוגעזונגען, איז עס, וואָס איז שייך זאָגן, געווען אַן אמתער קאָנצערט, און האַלב איינוואוינער פון שטעטל האָבן באַלאַגערט די פענצטער.

פון איציקל פאַסטריגע איז שוין, ווי פריער געזאָגט, לאַנג געוואָרן ר' יצחק בערשאַדסקי. צווישן אַלע זיינע געשעפטן האָט ער אויך געהאַלטן די פאָטשט, און ווען אַ שררה אָדער גלאַט אַ גרויסער סוחר איז אַראָפגעפאָרן אין שטאָט, איז ער איינגעשטאַנען ביי ר' יצחק בערשאַדסקי, וואָס האָט שוין איצט באַוואוינט אַ שיינע, גרויסע הויז — אַ פאַלאַץ, וואָס ער האָט אָפגעקויפט ביי אַ „געפאַלענעם" פריץ.

שידוכים מיט די קינדער האָט ער ניט געטאָן מיט קיין „קיי־און־שפיי." פון מרחקים האָט ער איינגעהאַנדלט רבנישע טעכטער פאַר די זין (ער האָט פאַר די זין אויך געגעבן נדן) און פאַר די טעכטער — רבנישע זין, אייניקע פון וועלכע האָבן שוין אַליין געהאַט סמיכה אויף רבנות, און ס'איז כ'לעבן כדאי געווען אָנצוקוקן די געסט וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן צו ר' יצחק בערשאַדסקי אויף אַ חתונה! דאָס זיינען געווען „יידן מיט בערד," רבנים, רביים און גוטע־יידן מיט זייערע משרתים, יוצר משרתים, ואשר משרתים און פייער־משרתים. מענאַ האָט קיינמאָל פריער ניט געזען אַזוי פיל שטריימלעך־סויבל, סאַמעט און זייד.

אין זיין גרויסן פריצישן הויף איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסער שאַלאַש. נאָך מיט אַ וואָך פאַר דער חתונה האָבן שוין די בעקערס און די קעכינס געאַרבעט ווי די ביבערס, צוגרייטנדיק געבעקסן און פאָטראַוועס פאַר דער חתונה. צו דער מעניער קאַפעליע קלעזמער האָט ער אַראָפגעבראַכט פון דער קרייז־שטאָט סאָסניצע די באַרימטע כעמע זלאַטקאָווס קאַפעליע, וואָס האָט געשמט אין גאַנצן אומגעגנט, ווייל כמעט יעדער איינער פון זיי איז געווען אַן אמתער קינסטלער. די טענער און קלאַנגען פון דער גרויסער טרובע, טראָמבאָן, קלאַרנעט און פויק האָבן פאַרקלונגען דאָס שטעטל.

ר' יצחק בערשאַדסקי איז געווען אַ גרויסער הוליאַקע. איבערהויפט צו „שלייער וואַרמעס." דער עולם האָט אויסגעטרונקען די פיינע פאָר גלעזלעך „יקנהז", דער ערשטער פידל־שפילער „ווייזט וואָס ער קאָן" און אונטערהאַלט דעם עולם, און די מחותנים ריידן דברי־תורה — פערל שיט זיך פון זייערע מיילער! פאַרן אַמאָליקן איציקל פאַסטריגע איז עס אָבער נעבעך אַ סוד...

קליידער און היטלען פאַר ווייב און טעכטער האָט ער חלילה ניט באַשטעלט ביי צביה די מאָדיסטקע אָדער ביי אברהם נחום דעם „דאַמסקן", נאָר אַראָפגעבראַכט זיי אַזש פון פאַריז אָדער וואַרשע. דערפאַר אָבער, ווען עס איז געקומען צו שיך, וואָס מ'דאַרף נעמען אַ מאָס דאָ אויפן אָרט, האָט ער שוין געמוזט אָנקומען צו בערל דעם שוסטער, ביי וועמען עס האָבן געאַרבעט זעקס שוסטער־געזעלן, און זיינע שיך האָבן געהאַט אַ שם אין שטאָט.

נעמען די מאָס מיט אַ פאַפירענעם פאַסיק, איינשניידן אין דעם קאַרבן, און מאַכן נאָך דעם שוך עס זאָל גוט פאַסן — האָט מען באַדאַרפט זיין אַן אמתער מאַדים, און ווען ער, בערל שוסטער, האָט



אַליין אָפט קיין צייט ניט געהאַט, האָט ער געשיקט זיין ממלא מקום, זעליג זויל. ז ו י ל האָט מען אים גערופן, ווייל ווען ער האָט „אַוועקגעלייגט" אַ זויל, עס אַזוי פיין אויסגעאַרבעט מיט זיין „טאָקמאַטש" און „פומעל", האָט מען זיך געקאָנט שפיגלען אין דעם.

מילא, אַלע קינדער זיינען ביי זייערע עלטערן טייער, אָבער דער מוזיניק אָדער די מוזינקע זיינען ביי עלטערן „דאָס אויג אין קאָפ". ניט אומזיסט זינגט דאָס פאָלק דאָס ליד: „די מוזינקע אויסגעגעבן." און דערפאַר ווען ביילקעלע, די מוזינקע, איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, און געווען איז זי, מוזט איר וויסן, שיין, קלוג און געראָטן — סכנות נפשות, האָט ר' יצחק בערשאַדסקי זיך פאַרנומען קריגן פאַר איר אַ חתן שבחתנים, און געשיקט שדכנים אַזש קיין ווילנע צו אַ באַוואוסטן רב, וואָס האָט געהאַט אַ זון אַ צאַצקע. דער רב פון ווילנע, ווידער, האָט געשיקט אין מענאַ זיין שדכן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש מיטן נדן. אָבער דאָס איז געווען סתם אַזוי זיך דינגען. ווארום יצחק בערשאַדסקי איז געווען אַ געשעפטס־מענטש און האָט געהאַלטן אַז אַ מציאה, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין, דאַרף מען מעשה סוחר זיך אַביסל דינגען...

זעליג זויל איז שוין געווען כמעט אַ שטענדיקער אַריינגייער אין בערשאַדסקיס הויז, ווייל ער פלעגט אַזוי אָפט קומען אַהין סיי נעמען די מאָס פאַר די שיך און סיי שפעטער זיי אָפטראָגן און אָנפאַסן. מיט קיינעם אין הויז האָט ער אָבער אַזוי לאַנג ניט געוויילט, סיי ביי נעמען די מאָס און סיי ביים אָנפאַסן די שיך, ווי מיט ביילקעלען. מיט גרויס צערטלעכקייט פלעגט ער אַריינקוקן אין אירע שיינע, גרויסע, ווי ים־בלויע אויגן, און איז פאַרבלענדט געוואָרן פון איר שיין געשטאַלט. און איין מאָל, אָנמעסטנדיק איר אַ פאָר שיך, האָט ער זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און מיט גרויס ציטער אַ גלעט און אַ דריק געטאָן איר פוס. דערביי האָט ער פון שרעק דערפילט אַז דאָס גאַנצע בלוט פון זיין קערפער איז אים אַריין אין פנים. אָבער צו זיין גרויס וואונדער האָט ער גאָר באַמערקט אַן אָנגענעם שמייכל אויף אירע ליפן...

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן. זיי האָבן זיך אָפט מאָל אָנגעהויבן באַגעגענען אין די פאַרנאַכטן שפאַצירנדיק אויפן שאָסיי אויף סאָסניצער שליאַך, וואָס האָט זיך טאַקע געצויגן צוואַנציק ווערסט אַוועק פון שטאָט. טאַקע ניט מער ווי באַגעגענען זיך און נאָענט ניט צוגעקומען איינער צו דער אַנדערער: געוויינטלעך איז ער געגאַנגען אויף איין זייט טראָטואַר און זי, אויפן צווייטן... ער פלעגט זיך אַ נייג טאָן צו איר, און זי האָט אַ קער געטאָן איר שיין באַצאָפטן קאָפ, וואָס עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן אַז ס'איז צו אים אָדער גלאַט אין דער וועלט אַליין... און ביי דעם איז עס געבליבן.

* * *

דער שיינער יום־טוב פסח האָט זיך ווידער דערנעענט און ר' יצחק בערשאַדסקי האָט ווי געוויינטלעך באַשטעלט שיך ביי בערל שוסטער פאַר אייניקע מענטשן פון זיין הויזגעזינד און צווישן זיי, פאַרשטייט זיך, אויך פאַר ביילקעלען.

„ר' בער", האָט זיך זעליג געבעטן, „איך בעט אייך, לאָזט מיך מאַכן ביילקעלע'ס שיך."

בערל שוסטער איז ניט געווען קיין נאַר אַ ייד, האָט ער אַ שמייכל געטאָן אין זיין רויטער באָרד אַריין און געענטפערט: „גוט, איך לאָז זיי דיר מאַכן, אָבער זע נאָר, טו ניט אַריין דיין טאַטן און מאַמען אין זיי!..."

„איך וועל עס טאָן אומזיסט, אויף מיין צייט, איך ניט רעכענען פאַר דער אַר־

בעט״, האָט ער אַ באַגייסטערטער געענטפערט.

זעליק זויל האָט זיך געפּלייסט, געאַרבעט מיט ברען און אונטערגעזונגען דערביי:

„שפּאַצירן וועלן מיר ביידע גיין
צווישן געדיכטע בלעטער—
טאָמער טרעפט דיך דיינס אַ חברטאָרין,
זאָג, דו גייסט צו דיין פּעטער.
שפּאַצירן וועלן מיר, ביילקעלע, גיין
צווישן פרישע בלומען,
טאָמער טרעפט דיך דיינס אַ חברטאָרין,
זאָג, דו גייסט צו דיין מומען.״

ער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּאָר קנאַפּלען איז כאָטש שטעל זיי אויף אַ „וויסטאַווקע״ (אויסשטעלונג). אונטער די זוילן בכיוון אַריינגעטאָן סקריפּקעס; הייבט די זוילן, זיינע באַרימטע זוילן! זיין פּנים האָט זיך אין זיין אָפּגעשפּיגלט; ער האָט די שיך געדריקט צום האַרצן, זיי געקושט און בשעת מעשה געפילט אַז דאָס דריקט ער און קושט דעם שיינעם, זיסן פּנים פון ביילקעלען אַליין. און אָט טראָגט ער אָפּ די שיך. גראַד איז קיינער אויסער זיי ביידן ניט געווען אין צימער ווען ער האָט אַראָפּגעצויגן אירע אַלטע שיך און לאַנגזאַם, זייער לאַנגזאַם גענומען אָנטאָן איר די נייע שיך אויף אירע שלאַנקע, ווי געטאָקטע, פיס, און מיט צערטלעכקייט זיי געגלעט, און, אינגאַנצן אַ צעחושטער, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געשטאַמלט: „איך בעט אייך, ביילקעלע, פאַרצייעט מיר, איך בין אַזוי פאַרליבט אין אייך, ביז משוגע צו ווערן. איך חלום פון אייך דורך די נעכט!...״

געגלויבט האָט ער, אַז זי וועט מאַכן אַ געשריי, אַז אַ משרת וועט אים צו זיין שאַנד און וויטאָג גלייך אַרויסוואַרפן פון הויז. אָבער צו זיין גרויסן וואונדער און גליק, האָט זי אָנשטאָט דעם, מיט אַזאַ זיסן און ליבן שמייכל גאָר געענטפערט:

„איר זענט משוגע, זעליקל, ווי פאַלט עס גאָר אייך איין?... קאָנט איר זיך גאָר פאָרשטעלן וואָס מיין טאַטע וועט אויף דעם זאָגן טאָמער חלילה ער דערוויסט זיך?...״

דער טאַטע, אָבער ניט זי!.... ער האָט קוים געגלייבט זיינע אויערן וואָס ער הערט. און ער האָט זיך שוין אָנגענומען מיט נאָך מער מוט:

„איך בעט אייך, ביילקעלע, איך מוז מיט אייך ריידן, איך מוז! מאָרגן אָוונט ביים שפּאַצירן גיין... גייט אַוועק וויטער מיטן שליאַך... איך וועל אייך באַגעגענען הינטער די כאַמאַזייען (שפּייכלער, וואו פּויערים פלעגן אָפּלייגן זריעה אויפן קומענדן יאָר פאַרזיי).

ער האָט ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער, ער האָט געפילט און געוואוסט אַז זי וועט קומען!...

עס איז שוין געווען שפּעט פאַרנאַכט; די זון איז שוין געווען פאַרגאַנגען. און ווען ער האָט זי דערזען גיין פון דער ווייטן האָט די גאַנצע וועלט פאַר אים אויפגעשיינט! ער איז געוואָרן דרייסט, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע שטאַרקע אָרעמס, איז צוגעפאַלן צו איר און באַדעקט מיט קושן איר שיינעם פּנים, אירע צעשראָקענע אויגן... און זי האָט זיך ניט געווערט... איר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט ווי אין אַ פיבער.

„איך האָב אייך ליב, זעליקל... איך האָב אייך ליב באַקומען גלייך ווי איך האָב אייך דערזען דאָס ערשטע מאָל... אָבער עס קאָן ניט זיין, זעליקל... עס קאָן נאָך ניט זיין... מיין טאַטע וועט קיין מאָל ניט דערלאָזן... וואו איז דער אויסוועג?... איך האָב אַזוי מורא...״

ער האָט זי געדריקט צו זיך און מיט קושן באַדעקט אירע פאַרוויינטע אויגן:



„ניטע, ביילקעלע, מיין טייערע, וויין ניט... ניט איצט... ניט אַלץ קאָן מען באַטראַכטן אויף דער הייסער מינוט... לאָמיר דערווייל אַזוי זיך באַגעגענען און זען שפּעטער וואָס די צייט וועט ברענגען.״

„אָבער, זעליקל, איר ווייסט ניט אַז מיין טאַטע האַנדלט שוין איין אַ חתן פאַר מיר אַזש פון ווילנע... איך וויל פון אים ניט הערן אפילו איידער איך האָב אים געזען... אפילו סחורה אויף אַ קלייד וויל דאָך איינער פאַר זיך אַליין אויסקלייבן, און דאָ וויל מיר מיין טאַטע אַריינשטופּן אין האַלדז אַריין אַ רבל מיט אַ שטריימל״...

זי האָט ביטער געוויינט און מיט וואַקלענדיקע טריט אַוועק צוריק אין שטאָט.

דאָס ווערטל גייט: „דלות, פייער און ליבע, קאָן מען לאַנג אונטערן פאָלע ניט באַהאַלטן.״ אין הויז האָט מען אָנגעהויבן מערקן אַז ביילקע קומט שפּעט אַהיים פון איר שפּאַציר און אין אַ שבת־טאָג ווערט זי פאַרפאַלן אויף שעהען לאַנג. און וויפיל מע האָט ביי איר ניט געפרעגט און צו איר צוגעשטאַנען, האָט מען ביי איר ניט געקאָנט אַרויסקריגן קיין צופרידענעם ענטפער. האָט ר׳ יצחק אָנגעשטעלט זיין געטרייען משרת אלקנהן, ער זאָל איר נאָכשפּירן, און וואָס זאָל איך אייך דאָ לאַנג ברייען, דער אמת איז אַרויסגעקומען קלאָר ווי בוימל אויפן וואַסער.

מילא, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי זיי אין הויז, איז זיך ניט שווער צו משער זיין: ס׳טייטש, וואָס וועט זיין ווען די מחותנים דערוויסן זיך אַז ר׳ יצחק בערשאַדסקיס טאָכטער האָט צו טאָן מיט אַ שוסטער־יונג?... אַזאַ פּחיתות הכבוד! היינט ווען עס דערגייט נאָך צו די נייע מחותנים אין ווילנע! ר׳ יצחק האָט געוואַלדעוועט, אַז טאָמער נאָך אַמאָל זי וועט זיך חברן מיטן שוסטער־יונג, וועט ער פון איר שניידן פּאַסן. און דערווייל, בכדי די זאַך ניט צו פאַרציען, האָט ער גלייך אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו די מחותנים קיין ווילנע, אַז פאַר כמה וכמה טעמים וואָלט ער געוואָלט אַז די חתונה זאָל זיין טאַקע גלייך שבת נאָך שבועות. און ביילקען האָט מען דערווייל, ווי אַן אַרעסטאַנטקע, ניט אַרויסגעלאָזט אין גאַס אָן אַ שומר, און קעגן אירע געוואַלדן און פּראָטעסטן, האָט מען זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה. שניידער און מאָדיסטקעס האָבן זיך אַריינגעקליבן צו זיי אין הויז צו נייען די חתונה־קליידער, און ממש געצוואונגען ביילקען מיט געוואַלד זיי אָנצומעסטן.

עס זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן, ווי געווינטלעך, מחותנים, משפּחה און פריינט פון פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. אויסערלעך האָט עס געקאָנט אויסזען ווי געווינטלעך אַ חתונה ביי ר׳ יצחק בערשאַדסקי, מיט אַלע קליפּערלעך און מיטן גאַנצן פּאָמפּ, אָבער פאַר די עלטערן, און אַוודאי פאַר ביילקען איז עס געווען אַ פאַרשטערטע שמחה. די כלה האָט ניט געוואָלט אָנקוקן, ניט די נייע שווער און שוויגער, ניט דעם חתן און ניט די געסט, און אויף מאָרגן נאָך דער חופּה־נאַכט צו וועטשערע האָט מען ניט געטאַנצט דעם באַרימטן כשר־טאַנץ... מענטשן האָבן זיך איבערגעקוקט, זיך געוואונדערט: ס׳טייטש, ווי איז עס מעגלעך?... מען האָט עס געפּרוווט פאַרענטפערן אַז זי איז נאָך אַ יונגע ציג, זי שעמט זיך, אָבער מיט דער צייט וועט אַלץ רעכט ווערן...

* * *

„דער טייך מוז צונעמען אַלע יאָר אַ מענטש,״ אַזוי האָט מען גערעדט און געגלייבט אין מענאַ פון קדמונים. נו, איז ווען דאָס אייז האָט געבראָכן און דער טייך האָט געלאָזט, האָט זעליקל שלימזל זיך הפּנים פאַרוואָלט גיין באָדן אין טייך און

דווקא אין די קליידער... דאָס שטעטל איז געגאַנגען כאָדאָראָם. ווייבער און מיידלעך האָבן זיך געווישט די אויגן און די נעזער. און ווען די ידיעה פון דעם אומגליק איז דערגאַנגען צו ביילקען, איז זי אַרומגעגאַנגען ווי אַ מבולבלע. זיך אָפּגעשלאָסן אַליין אין אַ צימער, מיט קיינעם ניט געוואָלט ריידן, קיינעם ניט געוואָלט זען, און איז איינגעפאַלן פון טאָג צו טאָג. מענטשן האָבן גערעדט אַז זי האָט געקראָגן די „דער".

מילא, ר' יצחק בערשאַדסקי האָט שוין גוט דערזען וואו ער האַלט מיט זיין „אויג אין קאָפּ", איז ער געלאָפן צום ווילעדניקער רבין, ער זאָל אים געבן אַן עצה, אַ תשובה. און דער רבי האָט געזאָגט: „יצחק, זיי וויסן, אַז דו האָסט באַגאַנגען אַ גרויסע עבירה. צוליב דיין עשירות און גאווה האָסטו צעבראָכן די לעבנס פון צוויי קינדער, און צעשטערט אַ באַשערטן זיווג פון גאָט! אַ גרויס, גאָר אַ גרויס זינד ביזטו באַגאַנגען! פאָר אַ היים, און מאַך חתונה אַן אָרעם פאָר פּאָלק אינגאַנצן אויף דיינע הוצאות, און דער אויבערשטער וועט אפשר זיך מרחם זיין."

אין שטאָט האָט זיך אַרומגעדרייט אַן עלטערע מויד, אַביסל אַ „צעדרייטע", אסתרקע די משוגענע, האָט מען זי גערופן. זי איז „אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער." איז ר' יצחק בערשאַדסקי אַוועק אין שטאָטישן הקדש, דאָרט אָפּגעזוכט אַ האָרבאַטן בעטלער מיט אַ רויטער באָרד, אים אָנגעבאָטן אַ שיינעם נדן, פון וואָס אַ שלעפּער האָט גאָר קיין מאָל ניט געקענט חלומען, און וואָס זאָל איך אייך לאַנג מאריך ימים זיין? מענאַ האָט נאָך אַזאַ סאָרט חתונה מיט אַזעלכע דרשה־געשאַנקען ביים אָרעמען גראַד קיין מאָל ניט געזען. בערשאַדסקי איז אַליין אַוועק אין הקדש און געלאַדן אַלע אָרעמע לייט צו דער חתונה, געטיילט צדקה און געטאַנצט מיט חתן־כלה און מיט די אָרעמע לייט, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ חתונה ביי זיינס אַן אייגן קינד. אָבער צו זיין גרויסן בראָך האָט עס גאָר ניט געהאָלפן און פון ביילקען איז נאָר אַ שאָטן פאַרבליבן.

צו יענער צייט בין איך אַוועק קיין אַמעריקע און, ווי געווינטלעך, פאַרטאָן געווען אין איינאָרדענען זיך אין דעם נייעם לאַנד. מיט אַ יאָר שפּעטער איז אָנגעקומען אַהער מיינער אַ בן־עיר, און מיר האָבן זיך גענומען אויפרעדן פון אונדזער אַלטער היים, פון מענאַ, פון געוויסע מענטשן און געשעענישן דאָרטן און איך האָב אים געפרעגט אויף ביילקען.

„ביילע?" האָט ער געענטפערט, „אַ לאַנגע מעשה: געדענקסט דאָך מסתמא יאַנקל דעם קורנאָסן שמיד?"

„יאָ, איך געדענק."

„נו, ווייסטו דאָך — ער האָט געהאַט אַ שם אין שטאָט פאַר אַ בלאַטן יונג. ביי אים אין הויז הינטערן שטאָט זיינען אָפט פאָרגעקומען ווילדע הוליאַנקעס און קאָרטן־שפּיל מיט ניט קיין זויבערע פאַרשוינען ביז העט אין ווייסן טאָג אַריין, און געשמט האָט ער פאַר אַ „זנאַכער", אַ כישוף־מאַכער, און אַ סברה, אַז ער האָט געהאַט צו טאָן מיט די „ניט גוטע." מען האָט דערציילט, אַז 12 אַזייגער ביי דער נאַכט גייט ער אַרויס אויף זיין הינטערשטן גאַניק און גיט אַ פייף, דערהערט זיך אַ געפלאַטער פון פליגלען... קיין מוטערמענטש האָט נאָך ניט געהערט וואָס ער רעדט מיט „זיי". ער טראָגט שטענדיק פולע קעשענעס מיט מאָן, און ווען ער ווערט פאַרטיק מיט דער „חברה", גיט ער אַ שאָט עטלעכע הויפנס מאָן, און ווען די ניט־גוטע גיבן זיך אַ לאָז נאָך מאָן, אַנטלויפט ער אין שטוב אַריין. אַז ניט, איז זיין לעבן אַליין געווען אין סכנה...



מען האָט אויך גערעדט אַז ער קאָן אַרויסרופן טויטע!

און מיין בן־עיר האָט מיר ווייטער דערציילט, אַז ווען ביילקע האָט זיך איין מאָל באַוויזן אויף זיין שוועל, איז זיין פאַרוואונדערונג געווען זייער גרויס: ווי אַזוי, און נאָך וואָס קאָן אַזאַ באַלעבאַטישע טאָכטער קומען צו אים אין הויז אַליין?

„איך האָב געהערט, אַז איר קאָנט זיך אויפריידן מיט אַ טויטן פון קבר, וואָלט איך געוואָלט אייך בעטן מיך צוזאַמענפירן מיט זעליקן."

„הם", האָט ער געענטפערט, „דאָס איז גאָר ניט אַזאַ גרינגע זאַך ווי מען קאָן זיך פאָרשטעלן, און ניט אַלע מאָל גיט זיך עס מיר איין... אָבער מיר וועלן פּרובירן..."

„ווי גיך?"

„איבערמאָרגן צוועלף אַזייגער ביי דער נאַכט. אָבער געדענקט, קומענדיק צו מיר און גייענדיק צוריק, זאָלט איר מיט קיינעם ניט ריידן... ניט קוקן אויף רעכטס, ניט אויף לינקס און ניט אויף צוריק, און עס וועט אייך קאָסטן אַ צענערל."

ס'איז געווען אַ פינצטערע נאַכט מיט אַ טיף געשטערנטן הימל ווען יאַנקל קורנאָסער איז מיט ביילקען צוגעקומען צום בית־עולם. ער האָט איר געהייסן בלייבן שטיין ביים פּלויט. ער אַליין איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די קברים און עס האָט זיך געהערט זיין שטים: „זעליג, זיי וויסן אַז ביילקע בת יצחק איז דאָ און זי וויל מיט דיר ריידן."

אַ פאָר מינוט האָט געהערשט אַ געשפּאַנטע טויטע שטילקייט. נאָך דעם האָט זיך דערהערט אַ שוואַכע שטימע: „ביילקעלע, געליבטע מיינע, איך בענק נאָך דיר, און איך קאָן ניט רוען אין קבר. מיר זיינען אַ זיווג באַשערט פון גאָט און שלעכטע מענטשן האָבן אונדז מיט גוואַלד צעשיידט..."

זי האָט געוואָלט עטוואָס זאָגן. אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט אָבער קיין ווערטער זיינען ניט אַרויסגעקומען. איר האָט אָפּגענומען דאָס לשון. די שפּאַנונג און שרעק איז שוין געווען צופיל פאַר איר אָפּגעשוואַכטן געזונט. זי האָט אויף מאָרגן צעפירט אַ קעסטל שוועבעלעך אין אַ הייסע גלאָז וואַסער, און אין אַ ציטערדיקער האַנטשריפט איבערגעלאָזט אַ צוואה:

„איר האָט מיך צעשיידט מיט מיין באַשערטן אין לעבן, וויל איך מיט אים זיין פאַראייניקט אין טויט, און איך פאָדער אייך אויף מיר לייגן זייט ביי זייט מיט זעליקן, מיין באַשערטן!"

איר פאַרשטייט, מען זאָגט טאַקע:
„וואָס עס איז פון אויבן באַשערט,
טאָר פון אונטן ניט ווערן געשטערט!"

ווערט אַ מיטגליד פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

# שרייבער און ביכער

יחזקאל בראָנשטיין

## רחל ה. קאָרן

### א.

איר לעבן — באַשווערט
פון גורל פון ייד.
איר זעאונג פון ערד —
אין פראָזע, אין ליד.

איר וועג — נע ונד,
פון שנאה געפּלאָגט.
אַ היים — ערשט געהאַט,
פון איר שוין פאַריאָגט

פון שונא, וואָס שטראָפט,
וואָס יאָגט אָן אַ סוף.
מיט כוח פון וואָרט
זי קלעטערט אַרויף

צו זעאונג פון ליכט,
וואָס שפּרייט ווי אַ נעץ
זיך אויס איבער ערד,
וואָס לעכצט נאָך דעם קץ...

(ב)

ס'איז רחל געבענטשט
מיט מעלות אַ סך:
מיט לשון, מיט סטיל,
רעיונות גאָר רייך.

זי פּערלט מיט רייד,
וואָס לייגן זיך אויס
אין פּשטות, באַשייד
פון וואָרט, וואָס איז גרויס

אין פּראָזע, אין ליד,
איר איינציק געווער! —
וואָס יאָגט איר פאַרויס
אַלץ מערער און מער.

(ג)

איר מאַמע — איר קרוין —
אין צער פאַרוועבט,
פון ליד קוקט אַרויס,
אַ זודיקער טרער.

זי זעט איר אין אַלץ
וואָס גוט איז און שיין,
אַ דימענט וואָס גלאַנצט
מיט מאַמעשן חן.

אַ מאַמע אַליין —
דאָס זאַלץ פון דער ערד,
געפינט זי אַ טרייסט
אין אַלץ וואָס געבערט...

אין חלום פון וואָרט,
**אויף יענער זייט ליד** —
וואָס אָטעמט מיט סוד
אין האַרץ און געמיט

פון ליי'נער, וואָס גאַפט
און פרייט זיך מיט אַלץ
וואָס ר ח ל נאָר שאַפט,
און איז מיט איר שטאָלץ.



### ב.

## וועגן ליד: פון יענער זייט ליד

ווען דו טראַכסט זיך אַריין אין דעם פאַרנעם, תוכן און זין פון ליד אין אַלגעמיין, איז באמת שווער עס צו דעפינירן, זיך פאָרשטעלן עפּעס אַנדערש, מער קאָנקרעט — פון יענער זייט ליד, סיידן די אומבאַגרייפלעכע מיסטעריע פון אַ סוד צי סודות, וואָס זיינען בכלל זעלטן ווען אַנטפּלעקעריש אין אַ ליד, אין דער דיכטונג פון אַ דורכשניטלעכן, נישט ערשט־קלאַסיקן און עכטן פּאָעט.

דיכטער צו דיכטער זיינען אָבער נישט אַלעמאָל גלייך. דאָס וואָס איין דיכטער באַזיצט יאָ, איז אָפּטמאָל פרעמד דער פּאָטענץ פון אַ צווייטן פּאָעט. ווי אין יעדער דערשיינונג פון אונדזער קאָלירפולן לעבן, איז אָבער אַלעמאָל פאַראַנען אויך אַן אויסנאַם. און די וועלט פון דיכטונג איז אין זיך אויך כולל אַזאַ מין יוצא מן הכלל.

די פּאָעטעסע רחל ה. קאָרן, ווי מיר דוכט — איז אין אָט דעם פאַל, אַ געבענטשטער און גליקלעלעכער אויסנאַם.

רחל ה. קאָרנס ליד, א. נ. **פון יענער זייט ליד**, דאָס סאַמע לעצטע ליד אין איר נייסטן בוך: **ליד און ערד**, פאַרלאַג „המנורה", אגב — אין אונדזערעביידע לשונות, באַשטעטיקט עס דעמאָנסטראַטיוו און אויך אַמבעסטן.

אין אָט דעם מערקווירדיק, ביז גאָר אָריגינעל און אינטערעסאַנט ליד, וואָס קען דינען ווי אַ מוסטער פון אַ דורכאויס נייעם, שעפערישן נוסח הליד, באַשטעטיקט זיך, לויט מיין באַשיידענער השערה, אַז מיט דעם כוח פון טאַלאַנט, קען מען בכלל ברעכן ווענט: שעפעריש זיך אפילו קענען דורכרייסן אויף **י ע נ ע ר  ז י י ט  ל י ד**; זיך איינלעבן אין פון פריער נישט־געאַנטע און נישט־געזעענע סיטואַציעס; זיי פּסיכיש אַנדערש באַנעמען און אינטואיטיוו אַזוי זיי באַאַרבעטן, אַז זיי זאָלן זיין ביכולת מיטצורייסן אַ מיטשעפערישן לייענער פון היינטצייטיקער דיכטונג, אין אים גורם זיין אַן אומגעריכטע, עכטע איבערלעבונג, אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט דער איבערלעבונג פון דעם דיכטער.

דער תוכן פון רחל קאָרנס ליד, **פון יענער זייט ליד**, וואָס באַשטייט אגב סך־הכל פון פינף פיר־פערזיקע סטאַנזעס — איז איבערגעלאָדן מיט אַן עשירות פון בילדער אין אַ פאַרשטענדלעכן לשון; איז באַזעלט מיט אַ לירישן פּאַטאָס, וואָס ציטערט אויף דיין האַרץ, און דינט גלייכצייטיק ווי אַ העכערער שטאַפּל און דערגרייכונג פון רחל ה. קאָרנס דיכטונג אין אַלגעמיין.

דאָ פיגורירט אַ סימבאָלישער פויגל אין דער אומגעבונג פון אַ פאַרלוירענער וועלט, אין אַ נאָך זעלטן־וויברירנדיקער, דינאַמישער שיינקייט, וואָס אָטעמט מיט דער פּאָטענץ —

פון יענער זייט ליד קענען וואונדער געשען
נאָך היינט, אין אַ טאָג, וואָס איז כמאַרנע און גראָ.

איינער פון די וואונדער איז — די באַנייאונג פון רחל קאָרנס אידיאָמאַטיש לשון (איר אויסדרוק: „ער דופקט אַריין" — זאָגט עדות אויף דעם).

די זעאונגען אירע, אין רעטראָספּעקט — פון אַמאָליקן לעבן, אין אַזאַ קאָנצענטרירטער פאָרם, זיינען עכט און זיינען שיין, און דער חלום, פאַרליבטקייט, צוגעבונדנקייט

און בענקשאַפט נאָך דער צאַרטסטער באַשעפעניש איבער דער גאָרער וועלט **די מאַמע,** רירט מיט דעם פאַטאָס פון דער זעלטנסטער איבערלעבונג, וואָס דערמאָנט אָן יעדן ספק אין אַלע אונדזערע פאַרשוועכטע און אומגעקומענע מאַמעס.

רחל קאָרן זינגט וועגן דעם אַזוי:

פון יענער זייט ליד קען מיין מאַמע אַרויס,
און שטיין אויף דער שוועל אַ ווײַלע פאַרטראַכט
און מיך רופן אַהיים, ווי אַ מאָל, ווי אַ מאָל:
— גענוג זיך געשפּילט שוין, דו זעסט נישט? ס'איז נאַכט.

דער פאַרהאַנג פון דער מיסטעריע פון יענער זייט ליד, ווערט אַזוי אַרום געעפנט.

דורך דעם באַשטעטיקט זיך די מעגלעכקייט און ווײַטערדיקע פּאָטענץ פון דעם ליד אין אַלגעמיין, ווי עס איז צושטאַנד געקומען אין רחל ה. קאָרנס וואונדערלעך ליד **פון יענער זייט ליד,** וואָס איז אָפּט פאַרהוילן הינטער טויזנט שלעסער פון **דער זייט ליד,** אין דעם לשון און אין דער „דיכטונג" פון אַ ניט־קאָמפּעטענטן פּאָעט.

## ג.

## אין ליכט פון איר בוך: „פון יענער זייט ליד"

די איידלסטע פאָרם פון אויסדרוק אין לשון, אין דעם מויל פון אַ שעפערישע פערזענלעכקייט, איז אָן יעדן ספק די דיכטונג, ווען עס איז נישט ליב און נישט אייגן די רעטאָריק און די אייגנשאַפט פון כמות. נאָר בלויז און אויסשליסלעך די עניוות פון איכות, אין דעם צימצום פון דעם קליינעם ליד, וואָס צייכנט זיך דווקא אויס מיט דער גרויסקייט פון אַ וואָגיקער איבערלעבונג, אין דער עשירות פון אַ לשון, אויף דער פאָן פון אַ זינלעכן תוכן.

ביים לייענען דעם דיניקן לידער־בוך **פון יענער זייט ליד,** פון דער צאַרטער און פאַטאָספולער דיכטערין **רחל ה. קאָרן,** בעט זיך ביי די כמעט יעדעס ליד אירס אָן אויסנאַם: נעם מיך אויף און וואַרעם מיך אַריין אין דיין געמיט, האַרץ און נשמה. בו ייטער־אויס דעם זין און דעם מיין, די מיסטישע כוונה פון מיין **פון יענער זייט ליד,** וואָס ליידט נישט פון קיין צעשוואומענקייט און באַנאַליטעט, ווען עס איז דורכאויס פרעמד די וואולגאַריטעט פון גרויסע צאָלן און וואָס פיבערט בלויז און אויסשליסלעך מיט דער עכטקייט פון מיין איבערלעבונג, און לעבט דעריבער, האָפנטלעך — בלויז אין זכות און מיט דעם כוח פון דויערהאַפטיקייט, אין דעם אוצר פון אונדזער דיכטונג און לשון.

שוין די ווידמונג פון דעם בוך: ...געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין מאַמען, **חנה בת רבקה...** רודערט אויף דיין געמיט און פאַרשותפט דיך צו דעם צער און דער טראַגיק פון איר איבערלעבונג, אין דעם אויפזינג פון אירע לידער, **פון יענער זייט ליד.**

רחל ה. קאָרן איז ערדיש אין איר אויפפאַסונג פון וועלט און מענטש.

אירע מעטאַפאָרן אין ליד און אין פראָזע זיינען אויף אַזוי פיל ערדיש און בילד־לעך, אַז זיי קריצן זיך איין אין דיין זכרון מיט זייער בראשיתדיקער בילדלעכקייט, פרימיטיווער שיינקייט און מיט דעם אור־אַראָמאַט פון קדמונשן אָפּשטאַם.

אין רחל ה. קאָרנס באַוואוסטזיין, אַז ...פון אַלע רייזעס צו דעם גליק דאַרף מען זיך אומקערן צוריק צו דער ערשטער קינדער־טרער... דערשלאָגט זי זיך צו דעם



דעוויז פון וויסן און פאַרשטיין, אַז ...ס'איז מיין וואָרט אַ זיווג, דער זיווג, וואָס פאַר־בינדט מיך מיט דער מינדסטער שיין... וואָס איז ווייט נישט איבערטריבן, ווייל בלויז מיט דעם כוח פון איר וואָרט, האָט זי פון זיך אַרויסגעכישופט דעם רייץ און דאָס שיינקייט, וואָס גיט זיך דיר איבער אין אירע געזאַנגען וואָס **פון יענער זייט ליד.**

צוליב דעם, די וואונדערלעכע זעאונג אירע ...ביים צוקאָפּנס פון מיין לעצטער תפילה .. ווען איר מאַמע איז געקומען איר צו חלום מיט איר רירנדיקן פאָרוואורף:

האָסט נאָך נישט אויפגעשריבן אַלץ, וואָס האָסט באַדאַרפט...

צוליב דעם איר תפילה: **פאַרשעם ניט מיין וואָרט,** וואָס ווערט פון איר, ביי דעם שאַרפשטיין פון איר לשון באַלעבט, מיט דעם רייץ און חן פון אייגענע המצאות, ווערטער אַזעלכע, ווי: פאַרשפּלט, פאַראיובט — מיט וועלכע זי באַלעבט און באַנייט איר לעקסיק אויף דער באַזע דערפון, וואָס זי ווייסט, פילט און פאַרשטייט, אַז —

נאָר דאָס וואָרט, נאָר דאָס ליד איז מיר אייגן,
און ס'איז ווי אַ חתימה, ווי אַ גילדענע חתימה,
אויף דיין גרויסן און הערלעכן שווייגן.

דער זין אָבער פון אָט־דער תפילה אירער איז, אַז איר וואָרט
זאָל ניט ווערן פאַרשפּילט, ס'זאָל ניט ווערן פאַרטריקנט.

און, ביי דעם אָנווענד פון איר וואָרט אויף דער טראַגיק פון אירע איבערלעבונגען אין אונדזער פאַרשאָלטענער תקופה, איז עס, לויט דעם איינדרוק און דער גרויסקייט פון אירע לידער, באמת ניט פאַרשפּילט און ניט פאַרטריקנט געוואָרן.

אָט זיינען מוסטערן פון גבורהדיקן אויסדרוק אין אומפאַרגעסלעכע פערזן:

האַלט ווייט פון מיר דאָס אַלץ, וואָס איז פאַרשטענדלעך
דאָס אומפאַרשטענדלעכע מאַך נאָענט מיר, מיין גאָט,
און זאָל דאָס גרינענדיקע בלאַט פון בוים ביים וועג
לערנען מיט מיר דעם פשט פון תמימותדיקן סוד.

פון דעם איז צו זען, אַז איר אינטערעסירט דער עיקרשט דאָס אומפאַרשטענד־לעכע — אונדזער גרויסער פאָלקס־אומגליק! — דער סוד פון אונדזער אומקום. אין איר לשון: דער פשט פון תמימותדיקן סוד. און איר געבעט פאַר'סך־הכל'ט זיך בלויז צו דעם, אַז —

נאָר לעש ניט אויס פון מיין זכרון דאָס, וואָס איז געווען,
פאַרשווענק נישט מיט קיין ליכט נאָך מיר דעם שמאָלן סליאַד,
און, אַז כ'וועל ווען'ס אַמאָל פיר ווענט אָנרופן: היים,
זאָל מיר צוקאָפּנס שטענדיק שטיין מיין נע־ונד.

וואָס זי קען ניט, טאָר ניט און וויל ניט פאַרגעסן. און מיט אַלע אירע רמ"ח אברים ווײַנט זיך אַריין אין דיין געמיט איר תפילה בלחש:

און זאָלן מיינע אַקסלען קענען כאָטש דערטראָגן
ביז צו דער לעצטער שעה דעם אויסגעשעפּטן צער.

אָט אַזוי ...געפינט דער טרויער, וואָס זוכט אַ וועג צו מיין ליד... אַ תיקון, אין אירע זעלטן גוטע אויסגעהאַמערטע לידער, אויף דער פאָן פון דער טראַגישסטער תקופה אין אונדזער פאָלקס־לעבן.—

אירע זעאונגען פון דעם אומפאַרמײדלעכן טויט, זײנען וואונדערלעך פאַרטראַכט און אויסגעפּירט אין דער לירישער אויפפאַסונג פון אַ פּאָעטעסע, וואָס איז געוואַגט אין דעם אויספיר פון אירע אָבזערוואַציעס, השגות, חלומות און וויזיעס, אין אַ סטיל און אין אַ לשון, וואָס נויטיקט זיך נישט אין קיין פירושים.

אָט זײנען אַ צאָל פראַגמענטאַרישע בײשפּילן:

ס'קען זײן: וועסט מיך אַרויסרײסן פון לעבן,
ווי ווינטערדיקער ווינט ס'פאַרגעלטע, לעצטע בלאַט,
און מיך אַוועקטראָגן אַהײם, וואָס וואַרט אויף מיר
נאָך אַלע וואָגל־וועגן פון מײן נע־ונד.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אַלץ וועט ווידער ווערן אַזוי קינדיש־פּראָסט,
און אַלע עוולות אָפּגעמעקט, און אײנגעוויגט די פּײן,
און ס'וועט אַ בוים מיט וואָרצלען אויסגעשפּרײטע זוכן
אין וואַרעמקײט פון ערד מײן אײנגעשטילט געוויין.

דערפון איז צו זען, ווי איר נע־ונד האָט זיך גורלדיק פאַרוואָקסן אין איר געבײן, און ווי עס גײט איר נאָך איר געוויין, ביז דער סאַמע לעצטער זעאונג אירער אין איר געזאַנג פון יענער זײט ליד, און אויך אין איר געזאַנג פון יענער זײט שוועל און פון יענער זײט זומער.

רחל ה. קאָרן ווײסט אגב גלײכצײטיק אויך צו זינגען פון דעם, אַז —

אַ פרעמדע האַנט וועט צומאַכן די אויגן —
און אַז אַ פרעמדע האַנט, איז וואָס? איז וואָס?
ס'וועט זיך פאַר מיר פאַרנויגן דורכן פענצטער
אַ לעצטער שטראַל מיט ברידערלעכן גרוס.

— — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר ווען נאָך האַלבער נאַכט וועט פרישע ראָסע פאַלן,
מיט שווערע טראָפּנס האַלטן גרעזער אײנגעבויגן,
צי וועט דען עמיץ וויסן, אַז דאָס זײנען מײנע טרערן,
ווײל ס'האָט אַ פרעמדע האַנט מיר צוגעמאַכט די אויגן?

דער פאַרעלטערטער „עמיץ", וואָס איז בײ אונדז אַמאָל אַזוי פאַרשריגן געוואָרן ווי ב אַ נ אַ ל, לעגיטימירט זיך דאָ אויפסנײ אין דער גאָרער תמימות פון זײן אָרי־גינעלער באַדײטונג. און די סימבאָלישע טרערן — אויסגעווײטיקטע אויף דער פּאָן פון אונדזער טרויעריק־רעאַלן לעבן, געפינען אַזוי אַרום אַ תיקון, אין דעם געזאַנג פון איר פון יענער זײט ליד, וואָס גײען דיך נישט פאַרבײ, אומבאַרירט.

אונדזער דיכטעריך, וואָס איז געוואָרן אויפגעריכט מיט דער גרויסער עשירות פון גאָר אַ סך לײדן, ווײסט אויך צו דערצײלן וועגן זיך, אַז —

איך בין די יורשטע
פון וועלטן נישט־געבוירענע,
פאַר וועלכע כ'האָב נעסטן געפלאָכטן
אונטער דעם דאַך פון מײן טרויִם.



וואָס גיבן זיך דיר איבער אין קאָלירפולע לידער, וואָס רירן מיט זײער פּאַטאָס. איר פּאָעמע איוב, למשל, כאָטש פאַרטראַכט און אויסגעפירט ווי אַ היסטאָרישע טעמע — איז כמעט הײנטצײטיק, אין סימבאָלישן זין, אין איר אויפפאַסונג, און מאָדערן אין איר אויספיר. פּונקט ווי איוב אַמאָל, זינגט רחל קאָרן הײנט ליריש, אַזוי:

איך האָב שוין אַלץ באַוויינט, וואָס איז נאָר ווערט אַ טרער,
איצט קען איך שוין נישט וויינען און נישט לאַכן מער.

וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אירע אײגענע לײדן און איבערלעבונגען, אין דעם חושך פון דער היטלער תקופה, אין דעם טרויעריקן געזאַנג פון אונדזערע טעג.

די נאַטור־בילדער אירע שטעלן מיט זיך פאָר די קרוינונג פון איר דיכטונג, אין שייכות מיט איר צוגעבונדנקײט און פאַרליבטקײט אין דער ערד מיט אַלע אירע וואונדערלעכע דערשײנונגען, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגענומען אין איר נע־ונד זײן אין דער פרעמד.

די לידער א.ג. ווי פון תנ"ך אַרויס, אָטעמען מיט דער אורשײנקײט פון אונדזער בראשית, וואָס גילגולט דאָ אויף מיט דער עכטקײט פון אַ טיפּיש יידישער טאָכטער, וואָס ווײסט צו דערצײלן אַז —

ביסט שוין געוועזן אין מײן בלוט נאָך ערב מײן געבוירן,
האָסט זיך געצײטיקט מיט מײן פאָטערס דאַוונענדיקן ניגון
און געפרילינגט צווישן בלעטער פון מײן מאַמעס תחינה,
וואָס פלעגט מײן אומרו קינדישן פאַרשטילן און פאַרוויגן.

אין איר צוגעבונדנקײט צו איר אומה און דער באַגײסטערונג פאַר אונדזער באַ־נײטער מדינה, זוכט זי אַ פאַרבינדונג צווישן דעם נעכטן און דעם הײנט. און וואָס דערזעט זי דאָרטן און געפינט?

אין האָזלעך־גרינע קנײטשן פון די בערג גלילער
האָב איך איצט דערזען אויפסנײ מײן מאַמעס חופּה־קלײד,
בײם רמב"ם'ס קבר אויפגעגאַנגען איז מײן פאָטערס שטימע
דורך שטילקײט פון פאַרנאַכט בײם ראַנד פון טאָג פאַרזײט.

איר מאַמעס געשטאַלט גײט איר נאָך אויף אַלע אירע וועגן און אומוועגן פון איר טראַגיש לעבן.

און איר פאָטערס קול דערטראָגט זיך צו איר דממה־דקה'דיק, דורך דער שטיל־קײט פון פאַרנאַכט, בײם רמב"ם'ס קבר...

זי זינגט דאָ אויך פון דעם, וואָס —

איך זוך דעם שטערן, וואו פאַראַנקערט איז מײן באָבעס תפילה,
„גאָט פון אַברהם, גאָט" — איך ווער צוריק אַ קינד,
און כ'ווייס אַלײן נישט צי ס'איז טוי, צי אפשר גאָר אַ טרער,
וואָס ס'קושט אַראָפּ פון באַק דער אָוונטיקער ווינט.

אָט דאָס איז דער פאָדעם וואָס פאַרבינדט דעם נעכטן מיט דעם הײנט, אין די זעאונגען פון אַ העראָאישער פּאָעטעסע, וואָס בלאָנדזשעט ניט אין דער באַנײאונג פון איר דיכטונג פון יענער זײט ליד, וואָס זי דערפירט כמעט צו איר אָריגינעלן, פון טאַמע אָנהויב דערמאָנטן דעוויז, אַז — ... פון אַלע רײזעס צו דעם גליק, דאַרף מען זיך אומקערן צוריק צו דער ערשטער קינדער־טרער... וואָס זי האָט אַזוי פּאָעטיש אַרײנגעווײטיקט אין דעם אוצר פון אונדזער דיכטונג.

צבי שטאַק /ניו־יאָרק

# מלכה חפץ־טוזמאַנ׳ס לידער

מיט אַ צייט צוריק האָט מען מיר צו־געשיקט אַ בוך לידער פון דער לאָס אַנ־געלעסער דיכטערין מלכה חפץ־טוזמאַן. דאָס בוך איז, דוכט זיך, איר דריט בוך לידער. דאָס ערשטע הייסט „לידער" (1949); דאָס צווייטע — „מילד מיין ווילד" (1958) און דאָס איצטיקע — „שאָטנס פון געדענקען" (1965). דאָס בוך האַלט 90 זייטן, איז איינגעטיילט אין דריי אָפּטיילן: „אין טאָן מינאָר"—15 לידער; „דאָרט וואו די אָבות" — 10 לידער; „אַ שפּאַן אַריבער"—17 לידער. אַרום־און־אַרום 42 לידער, זייער איידל און שיין אַרויסגעגעבן אין תל־אָביבער פאַרלאַג „המנורה."

די לידער זיינען אַבסטראַקטע און גרענעצן זיך מיט אַ שטאַרק בולטן סימ־באָליזם, וואָס דערגייט צומאָל צו סור־רעאַליסטישע און אפילו דאַדאַאיסטישע פאַרשפּיצונגען, אַזוי אַז פאַר אַ פּשוטן בשר־ודם איז אַביסל שווערלעך תופס צו זיין זייער מיין און אָנדייט. נאָר אַז איינער איז אַ רגיל און אַ בקי אין מאָדערניסטי־שער פּייטנות און קען זיך אַריינטראַכטן און אַריינפילן אין דער טיפקייט פון ליד, קען ער דערשפּירן און דעראַנען דעם תוכן פון געזונגענעם און געזאָגטן און קען אויך דערפילן דעם געשמאַקן טעם פון דעם נישט דערזונגענעם און נישט דער־זאָגטן.

מלכה חפץ־טוזמאַן האָט אָבער פּרו־בירט באַקליידן אירע עמאָציאָנעלע און סענטימענטאַלע בענקשאַפטן אין אַ שיי־נעם און געציקלטן, כמעט זשאָנגלירערישן יידיש־לשון, וואָס דאָס איז אַ גרויסער עיקר אין אירע לידער און אין איר גאַנצן יידישן באַנעם.

דאָס לשון, בכלל, ביי מלכה חפץ־טוזמאַן איז קורץ, תמציתדיק — ווייניק געזאָגט און אַ סך געמיינט, און קוים רירט זי אָן, ווי זי שרייבט, מיט דער „קוואַלי־קער פּען", הייבן „אַלע ענגע רונדן זיך אָן צו רונדיקן ברייטער און אויסגעשפּריי־טער"... און דאָס פּאַסירט, פאַרשטייט זיך, נאָר ווען אין אַ מאָמענט פון „ענגע רונדן" אין אַ פּאָעטיש־געשטימטן מאָמענט אַזאַ „איז אַן אָטעם איבערגעלאָפן איר פּנים און אַלע זאַכן, וואָס אירע פינגער רירן־אָן, צינדן זיך מיט לשון אָן"...

בכלל איז שווער תופס צו זיין אַן אַבסטראַקט ליד ווען די פאַקטישע אָנדיי־טונגען פון דעם דיכטערס נשמה ווערן בלויז ר מ ז י ם, אָדער רזי־דרזין פון דעם וואָס דער דיכטער וויל אויסדריקן. יעדער לייענער, פונקט ווי איינער וואָט שטייט פאַר פּיקאַסאָס, מאַטיס', אָדער וואַן גאָגס אַ מאָלעריי, קען אינטערפּרעטירן, אַריינטייטשן און אַרויספילן מיט זיין איינ־דיווידועלן באַנעם דאָס וואָס האָט זיך ביי אים און דער פּסיכיק אָפּגעשפּיגלט פון דער מאָלעריי. דאָס זעלבע איז אין דער דיכטונג פון רימבאָ, אַנדרעי, ברעטאָן און אַפּאָלינער... די פאָרגייער פון סור־רעאַליזם אין דער מאָדערניסטישער דיכ־טונג פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור...

ביי אונדז יידן, יידן פון יידיש־לאַנד און יידיש־לשון, איז אַן עטוואָס אַנדערש, ס'קומט־צו דער עיקר פון „פּירוש", דער „תוספות" צו דער אויסטייטשונג פון אַ גוט ליד. דער דיכטער קען אפילו פליען אין כאַאָס, אין תוהו־ובוהו פון דער „פריי־הייט פון וואָרט", אָבער יידיש־לשון האַלט אים איין, צאַמט אים מיט ראַפינירטקייט און דערפירט אים אַלע מאָל צו שלימות, צו שטילקייט און גאַנצקייט.



שרייבט טאַקע מלכה חפץ־טוזמאַן:

טאַטע פון מיין כאַאָס,
צענטראַל פון מיין הונגער,
קוואַל פון מיין דאָרשט,
איך באַקלאָג זיך ניט.

דאָס אַלץ איז מיין טראָפן
לעבעדיקייט אין מיר וואָס
רוקט זיך זייטיק ווי אַ חשד און
גייט ש ט י ל און פ אַ מ ע ל ע ך צו
ג אַ נ צ ק יי ט . . .

(זייט 8)

אַ גרויסער זכות איז בייגעשטאַנען דער דיכטערין מלכה חפץ־טוזמאַן, וואָס זי האָט זוכה געווען צו באַטרעטן די געהייליקטע ערד פון מדינת־ישראל און איר ציקל לידער „דאָרט וואו די אָבות" איז אַ ברי־ליאַנטענער דימענט אין איר בוך, וואָרים ס'דריקט זיך אין דעם אָפּטייל אויס אויף אַן אמת־דיכטערישן אופן די בענקשאַפט, די זיווגדיקע באַשערטקייט פון אונדזער פאָלק מיט זיין לאַנד ישראל.

ביזט מדברדיק און שטויביק,
אמא,
נאָר פון דיינע דלאָניעס טוט נאָך
אַלץ טריפן „מילך און האָניק"...

אָדער:

מיין האַרץ איז נאָך קינדיש
און גלייביק;
ס'איז דיין געשטיין ווי דיין חכמה
פון אייביק ביז אייביק,
צ פ ת !

(זייט 43)

דאָס ליד „אין אַ שפּראָץ אויף טאָג" איז מלא טעם, זייער חנעוודיק, צנועהדיק און אין דערזעלביקער צייט ממשותדיק, רעאַל און איצטיק:

„איצט —
אויף דער מרפסת,
אין דער שטילקייט פון דיין שפּראָץ
אויף טאָג,
צו דער לאָבונג פון דער קילקייט

וואָס איז מילד ווי מילך
בין איך אַרויס
זיך געזעגענען מיט דיר,
מיין שוועסטערל שולמית.
קומען וועל איך נאָך צו דיר צוריק
ווען
אַלע מיינע לײדנשאַפטן וועלן זיין שוין
אויסגעליידנט
און דורכזיכטיק כ'וועל זיין אַזוי,
אַז ס'וועלן אויפשפּילן אין מיר
אַלע וואונדער פון
דיין עבר,
פון דיין הווה
און דיין עתיד.

(ז"ז 51-54)

מלכה חפץ־טוזמאַן האָט נאָך זיכער זייער אַ סך צו זאָגן און אויסצוזאָגן, צו זינגען און אויסצוזינגען פאַר אונדז וועגן דעם אומעט, וועגן דער עצבות, וועגן דעם טרויער וואָס ווערן מיט דער צייט גרויער און גרויער אַנטקעגן אָוונט פון יחידישן לעבן, וועגן דעם דערגיין פון „פאַווע־בלוי„ ביז „ליידן־גרוי". (מאַנגעריש...— „די באַלאַדע פון ייד וואָס איז דערגאַנגען פון גראָ ביז בלאָ, אָדער פאַרקערט"...)

דאָס איז אַ שאָד וואָס מ'קען נישט ברענגען דאָס גאַנצע ליד וואָס הייסט „יוד־אַלף", וואָרעם — נישטאָ קיין סך פּלאַץ... (ז' 76), נאָר מיר ווילן פאַר־ענדיקן מיטן סאַמע לעצטן ליד, וואָס איז טיף, מלא־חכמה, פילאָזאָפיש און ס'הייסט, ניין, ס'הייסט גאָרנישט, ס'האָט אפילו ניט קיין נאָמען, ס'שטייט איבער דעם בלויז אַ פ ר ע ג ־ צ יי כ ן:

ווי שפּעט איז אַצינדער, מיין גאָט?
ווי שפּעט ?
ערשט אָוועקגעשטעלט אַ פרישן
„אַלף" פאַר אַ שפּאָגל־נייעם
אָנהייב און דאָ —

איך האָב ס'ערשטע מאָל דערזען
סאָראָ קורצע פיס עס האָט

שלמה סיימאַן

# מאַטעס דייטש און זיין גאַנג צו דער אייביקייט

**מאַטעס דייטש:** „לעצטע לידער" — פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, תשכ"ז, 1966; 78 ז"ז.

איך האָב געפונען אין מאַטעס דייטש פּאָעזיע איינע פון די הויפּט מעלות פון אַ גוטן פּאָעט — פּשטות. איך האָב ליב צו לייענען פּאָעזיע און איך לייען כמעט אַלץ וואָס עס דערשיינט אויף דעם געביט אויף יידיש. הנאה האָבן אָבער האָב איך הנאה דאָס רוב פון די פּאָעטן אָן פּליטערלעך. אפשר בין איך פון יענע לייענערס וואָס מאַטעס דייטש באַצייכנט זיי „גד"ל לייענערס: זיי געדענקען גוט עדעלשטאַטן און ביז אַרונטער־צו מיט אברהם רייזענען." אפשר... איך קאָן אויסרעכענען גאָר אַ סך פון די איצטיקע יידישע פּאָעטן, וואָס איך לייען זיי גערן און האָב פון זיי אַ גרויסן עונג־רוחני, אָבער, איך מוז באַטאָנען, אַז גאָר אַ סך פון אונדזערע מאָדערנע פּאָעטן, הגם באַרימט און באַוואוסט, זיינען באמת גייסטיקע קבצנים, וואָס דעקן צו זייער אָרעמקייט מיט לשון און טעכניק. אָפט ווען איך לייען די דאָזיקע פּאָעטן, וואָס זייערע נעמען זיינען צעפּויקט געוואָרן איבער גאָר די תפוצות ישראל און וואָס געניסן פון באַרימטקייט, זע איך אַז זיי זיינען באמת גאָר געניטע פאַרקויפער, וואָס פעלשן קאָלירטע גלעזלעך פאַר דימענטן. דאָס לשון און די טעכניק פאַרבלענדן. ניין, עס איז ניט קיין פראַגע פון שווערקייט. עס איז, למשל, שווער צו פאַרשטיין אבן גבירול'ס אַ ליד, אָבער דער וואָס האָט די נייטיקע צוגרייטונג, קאָן עס גאַנץ גוט פאַרשטיין און באַנעמען, הגם מיט אַביסל אָנשטרענגונג. אָבער קלינגענדיקע און אויסגעפּוצטע ווערטער קאָנען ניט פאַרנעמען דעם אָרט פון געפיל, געדאַנק און עמאָציע.

מאַטעס דייטש האָט יאָ פאַרמאָגט אַן עשירות פון לשון, צוזאַמען מיט דעם געמיש פון „אמת־פאָלקסטימלעכע פשטות, ווי ליעסין האָט געזאָגט וועגן אים. אָבער — ער דערמאָנט מיך אַלע מאָל אָן ב. ריווקינען ע"ה, ווי אַ רעדנער. ווען ריווקין האָט זיך געשטעלט ריידן פאַר אַן עולם, האָבן זיין מויל, צונג און ליפּן געשטאַמלט — משמעות ניט געקאָנט אָנהאַלטן די בליציקייט פון זיין טראַכטן. זיין צונג איג געווען צו לאַנגזאַם צו באַדינען זיינע עשירותדיקע, בליצנדיקע איינפאַלן, די שפע פון זיינע געדאַנקען און די שיינקייט פון זיינע וויזיעס. אָט אַזאַ איינדרוק האָב איך אַלע מאָל אויך געהאַט פון מאַטעס דייטש. באַזונדערס איז עס געווען בולט אין זיין בוך „מאַנדלברויט יידיש." אין דאָזיקן בוך איז פאַראַן פון פויגל־מילך: בליציקע געדאַנקען, גוטע אָפּשאַצונגען פון יידישע שרייבער, לירישער וויטיקדיקער השתפכות הנפש, פיינע איינפאַלן, אָבער אַלץ אַרויסגעזאָגט איילנדיק, מיט אַ קורצן אָטעם, אָן דער באַהערשונג פון

---

אַן „אלף"...
כ'האָב געכאַפּט און צוגעשטעלט
אַ דינעם, לאַנגן „למד"
און כ'פרעג:
ווי שפּעט איז אַצינדער, מיין גאָט?

און בײַם סאַמע סוף זאָגט אונדז די דיכטערין:

איך ווייס:
כ'מוז אַפּריער ווערן אויס
כדי
כ'זאָל ווערן ווידער.
און זי פרעגט:
וועט נאָך זיין פאַר מיר
אַ ווידער־ווערן?
ווי שפּעט איז אַצינדער, מיין גאָט?
(זייט 90)

און דאָ מוז איך צוגעבן: מלכה חפץ־טוזמאַן האָט מיט איר „שאָטנס פון געדענקען" געמאַכט אַ וואונדערלעכן צושטייער צו אונדזער ליריש־יחידישן און עגאָצענטרישן, יידישן ליד און מיר זאָגן איר אַ יישר־כוח!



טעכניק און לשון. כאַראַקטעריסטיש פאַרן בוך איז, וואָס עס האָט ניט קיין אינהאַלט־פאַרצייכעניש.

ער איז קורץ־אָטעמדיק אין דעם בוך. אָט זיינען פאַראַן דאָרט וואונדערלעכע שורות, אָבער טאַקע נאָר שורות. דער דיכטער האָט ניט געהאַט קיין געדולד אויסצואַרעמען און אַרויסצוואַגן אַ גאַנץ ליד. ער הייבט אָן אַ ליד:

ווען די וועלט זאָל כאָטש האָבן
אַ שטיקל פּרצוף,
וואָלט זיך געלוינט אַ שפּיי טאָן אין אים.
נאָר גיי שפּיי איר אין פּנים אַריין,
אַז זי איז אין גאַנצן פּנימלאָז.

זאָל דער לייענער אויפמישן ז. 77 אין דעם בוך און לייענען דעם סוף פון דעם ליד, וועט ער זען וואָס איך האָב געמיינט: „ער האָט ניט געהאַט קיין געדולד אויסצואַרעמען און אויסצוואַגן זיין ליד."

ער האָט ניט געהאַט קיין געדולד אויסצואַרעמען זיין ליד, וואָלט איך געזאָגט, ווייל ווי מיר אַלע יידישע שרייבער (און מיר דוכט אַז ער נאָך מער ווי וועלכער אַנדער יידישער שרייבער) האָט זיך צעטומלט און פאַרלאָרן זיך אין אונדזער מאָדערנער וועלט און ער האָט ניט געקענט געפינען קיין זין פאַר אונדזער יידישקייט און אַ ראַציאָנאַל פאַר אונדזערע ליידן. נאָך מער, נאָכן גרויסן חורבן אונדזערן פרעגן אָפּ אַ סך פון אונדז דעם זין פון אונדזער קיום, ווי אַ באַזונדער פאָלק, וואָס וואוינט צעזייט און צעשפּרייט צווישן פעלקער. דערצו דוכט זיך מיר, האָט מאַטעס דייטש געווייטיקט מער פון וועלכן עס איז אַנדערן שרייבער וואָס איך קען, וועגן דעם שפּלן מצב פון יידיש. ער זאָגט אין זיין הקדמה אין בוך „צום נאָענטן שטערן": „דאָס לשון בײַם פאָלק גייט באַרג אַראָפּ. מען איז פאָלקיש ניט שעפעריש מער ווי אַ מאָל — איז עס מערקווערדיק — ביי די פּאָעטן גייט עס דווקא באַרג אַרויף. זיי זיינען שעפעריש אין מאַמע־לשון במקום פאָלק."

איך וואָלט געזאָגט שאַרפער: מיר האָבן פאַרביטן, אָדער אויסגעביטן, אונדזער גאַנצע עשירות פון יידישן לעבנס־שטייגער, אונדזער הלכה־וועג און אונדזער אמונה אין גאָט אויף דעם במקום פון ליטעראַטור און לשון. אַ סך פון אונדז שטעלן אָן אַ פּנים ווי זיי זיינען פעסט אין דעם גלויבן, אַז יידיש און יידישע ליטעראַטור זיינען ניט קיין במקום, נאָר נייעווערטן, וואָס קאָנען אָנפילן דעם בלויז וואָס איז געבליבן פון דער אויסדוכטעניש, אַז לשון יידיש איז די נשמה, דער אָטעם פון יידישן פאָלק. אָבער קאָנטיק, אַז מאַטעס דייטש האָט זיך ניט איבערגערעדט אין זיין פלוג אָפּטימיסטיש ליד: „העי, לייזער, אַראָפּ־נעם דיין היטל!" האָט ער דאָרט עשירות, וואָס ווייזן אַז ער האָט זיך ניט גענאַרט מיט דער איינרעדעניש, אַז דאָס פאָלק וויל יידיש און אַז מיר, די שרייבערס, פּראָזאַיקער און פּאָעטן, זיינען די פירער און טאָן־געבער פון פאָלק, די נייע מדריכים. ער האָט געזען, אַז דאָס פאָלק האָט אונדז ניט אָנגענומען:

אין דיינע אויגן זיינען מיר שאַנד־פלעקן,
שנאָרערס, פליאַסקעדריגעס,
טשוטשעלעך, אומגעבעטענע טעלער־
לעקער אויף חתונות פרעמדע;
פאַנפאַטשעס, פּאַיאַצן באַליידיקטע
מיט אומגעלומפּערטע נעזער,
וואָס פּיקן אין דיין הויקער אַריין,
ווי פלאַמינגאָ שנאָבלען.
ווער רופט אונדז? ווער דאַרף אונדז?
אַ קלעזמער כאַליאַסטרע אין אייביקער
ספירה!
(צום נאָענטן שטערן, ז' 147)

ווי אַזוי קאָן אַזאַ מענטש האָבן דאָס געדולד און אויסדויער צו אויסוואַרעמען אַ ליד און עס אויספּוצן? מיר דאַכט זיך אַז אַ לעבן־לאַנג האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק, אַז די יידישע ליטעראַטור און דאָס יידיש לשון קאָנען ניט ווערן דער במקום פאַר יידישקייט.

ער דערציילט, אַז איבער זיין שרייבטיש איז געהאָנגען אַ בילד פון ווילנער גאון, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט אויף אים און געמאָנט „וואָרט אַחריות". איך וואָלט געזאָגט, אַז דער ווילנער גאון, דער בעל הלכה, האָט באַאומרואיקט מאַטעס דייטשן מיט מאָנען, אַז ער זאָל זיך ניט נאַרן מיט זיין במקום. נו, דערציילט ווייטער מאַטעס דייטש, אַז ער האָט אַרויסגענומען דעם שטרענגן פּנים פון דעם הלכה־ייד און אַריינגעזעצט אין רעמל דאָס מילדע, צאַר־

טע פנים פון זיין מאַמען. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן:

אָבער נאָכדעם ווען איך לייען איבער
מיין כתב־יד,
פּענטעט מיך צוריק דעם ווילנער גאונס
שטרענגע אַחריות.

(דאָרט ז׳ 100)

איך ווייס גאָרנישט פון מאַטעס דייטשס ביאָגראַפיע. איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ דערציאונג ער האָט געהאַט; איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ ידיעות ער האָט פאַרמאָגט. איך ווייס ניט פון וואָס פאַר אַ באַשעפטיקונג ער האָט געקראָגן זיין חיונה. איך ווייס גאָרנישט פון זיין טאָג־טעגלעכער הנהגה. זיין ביאָגראַפיע אין „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור,“ פאַרצייכנט נאָר די ביכער וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן און די זשורנאַלן וואָס ער האָט מיטגעאַרבעט אין זיי, אָדער רעדאַקטירט. גאָרנישט ווערט דערציילט פון זיינע עלטערן און פון זיין לעבן. אין זלמן רייזינס לעקסיקאָן איז דאָ אויך גאָר ווייניק אינפאָרמאַציע וועגן אים. ווייס איך ניט צי מיינע מסקנות וועלן זיין פאַקטישע, ריכטיק אמתדיקע. אָבער דער דיכטערישער אמת איז ריכטיקער ווי די פאַקטישע פאַקטן. איך מיין, אַז סוף כל סוף, פאַר זיין טויט, האָט ער יאָ געפונען פאַר זיך אַ לייזונג און אַ פאַרוואָס פאַר זיין לעבן און יידיש לעבן.

אין זיין בוך „לעצטע לידער“ רופט זיך דאָס ערשטע ליד „און וואו וועסטו וואוינען, גאָט?“ און „די לעצטע ווערטער,“ דאָס נאָכוואָרט, וואָס ער האָט געשריבן צען טעג פאַר זיין טויט, דערציילט ער ווי ער האָט געפונען דעם וועג צו גאָט און אַ לייזונג צו זיינע פראַגעס און ראַנגלעניש. אמת, אין מיינע אויגן איז עס ניט די ריכטיקע לייזונג, אָבער פאַר אים איז עס געווען די אַבסאָלוטע אמתע לייזונג. ער זאָגט אין דעם ערשטן ליד:

גאָט, האָסט אין דער גאַנצער גרויסקייט
דיינער
זיך אַריינגעקליבן טיף אין מיר אַריין:
דער הימל איז דיר קליין געוואָרן,
דער יידישער חורבן — צו גרויס;
בין איך פאַר דיר געוואָרן דיין הויז.

דאָס זיינען טיפע יידישע רייד. אָן יידן קאָן ניט זיין קיין גאָט אויף דער וועלט בכלל און בפרט אַ יידישער גאָט. נאָר דורך אַ לעבעדיקן יידן איז דאָ די דערקענטעניש פון גאָט. זאָגט דער מדרש: „עד שלא בא אברהם אבינו לעולם כביכול לא היה הקב״ה מלך אלא על השמים בלבד. אבל משבא אבינו אברהם לעולם המליכו על השמים ועל הארץ.“ (ספרי האזינו, שי״ג). עס מיינט: איידער אברהם אבינו איז געקומען אויף דער וועלט איז דער רבונו של עולם, קאָנען מיר זאָגן, געווען קעניג נאָר אויפן הימל; אָבער ווען אברהם אבינו איז געקומען, האָט ער געמאַכט גאָט אויך פאַרן קעניג אויף דער ערד. מאַטעס דייטש האָט דערפילט, אַז וויבאַלד ער איז דאָ, איז אויך דאָ אַ גאָט צווישן אונדז. מאַטעס האָט געפונען גאָט פאַר זיך, אַ לעבעדיקן גאָט, וואָס איז אַ טייל פון אים. אָבער ווי אַזוי איז מען זיך מתקרב צו אים נאָך דעם ווי מען האָט אים געפונען? פאַר זיך האָט מאַטעס דייטש אויך געפונען דעם פּתרון. עס איז אַ פּאָזיטיווער פּתרון פאַר אים. דערציילט ער:

„נו, די ליטעראַרישע אייביקייט — עס איז כדאי צו ברענגען אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע, וואָס אני הקטן האָב געזען אין מיין באַשערטקייט: איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַ חסידים־שטיבל. סע האָט מיך אַ צי געטאָן און איך בין אַריין. פיר זקנים האָבן געטאָן אַ וואָרף אויף זיך וואָלענע טליתים און איינגעוויקלטע געבליבן שטיין אַ זיבן־אַכט מינוט. ביי מיר איז דאָס אָבער געווען אַן אייביקייט, און איך האָב געזאָגט צו זיך: דאָס איז די אמתע אייביקייט, וואָס אין איר איז פאַרבאָרגן די יידישע מיסטיק, קבלה, דער דת, און דער פאַרדבקעטער חסידיזם — זיין נגינה און פאָלקלאָר.

אָט מיט דער אייביקייט וועל איך איינשוויייגן מיין ווייטערדיק לעצטיק טראַכטן.“

צי מיר קענען אָננעמען אָט אַזוי בלינד דעם אַלטן דרך החיים — בין איך שטאַרק מסופּק. ווי זאָגט פרץ, אַז עס מיינט „נעמען דאָס לעבעדיקע זאָמען, אַרום וועלכער די שאָל האָט געפּלאַצט, וואָס דאַרף אויפסניי פאַרפלאַנצט ווערן, וואָס זאָל שענער און פאַרביקער אויסשפּראָצן און צוריק אין דער שאָל פאַרשליסן, און פאַרבינדן און אַרומדראָטעווען די שאָל און אַ שפּרוך זאָגן: ׳זאָמען, וואַקסט אין דער ענגשאַפט, וואַקסט אין דער פינצטער׳!“

מיר דאַרפן זוכן און פאָרשן. אָבער פאַר מאַטעס דייטש איז עס געווען אַ טרייסט און אַ היילונג. ער איז ניט דער איינציקער, וועלכער האָט זיך צוריק אומגעקערט צום טאַטנס אָרעם שטיבל נאָך אַ לאַנגער וואַנדערונג — צו שטאַרבן אין דער היים... בפרט ווען די גרויסע וועלט האָט ניט פאַרזאָרגט די נשמה מיט אַן אייגן ווינקל. אַ סך וועלן אים מקנא זיין, וואָס ער האָט געקאָנט זאָגן צו גאָט:

„איז לאָמיך אַ קושטאָן
דיין נאָמען פאַר מיין
לעצטן שלאָף...“



א. ישראלי

# נייע ביכער און קולטור־נייעס

**חיים גראַדע**: צמח אַטלאַס — ראָמאַן, ערשטער טייל פון דער טרילאָגיע — די ישיבה, אַרויסגעגעבן דורך דעם יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין לאָס אַנגעלעס.

די אַמעריקאַנער אַקאַדעמיע פאַר יידישער פאָרשונג, וואָס באַשטייט פון די אָנגעזעענסטע יידישע געלערנטע דאָ אין לאַנד, האָט צוגעטיילט די 1967 אַקאַדעמיע־פּרעמיע פאַר „אַ שעפעריש ווערק פון דויערנדיקן ווערט,“ דעם גרויסן יידישן פּאָעט און בעלעטריסט, חיים גראַדע, פאַר זיין אויבן־דערמאָנטן ווערק „צמח אַטלאַס“, ערשטער באַנד פון דער טרילאָגיע, „די ישיבה.“

פּראָפ. שאול ליבערמאַן, דער פּרעזידענט פון דער אַקאַדעמיע, האָט ביים אויסטיילן די פּרעמיע דערקלערט, אַז חיים גראַדעס „צמח אַטלאַס“ איז ניט נאָר אַ גרויס קונסט־ווערק, ס׳איז אויך איינס פון די וויכטיקסטע ביכער, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס ישיבה־לעבן אין ליטע און פּוילן און וואָס שלדערט די „מוסר־עפּאָכע.“

„׳צמח אַטלאַס׳ איז ניט נאָר אַ מייסטער־ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור,“ האָט פּראָפ. ליבערמאַן דערביי צוגעגעבן, „נאָר אויך אַ וויסנשאַפטלעך ווערק, ווייל עכטע גרויסע ווערק זיינען שאַפונגען צו פאָרשן און לערנען. הגם ׳צמח אַטלאַס׳ איז געשריבן געוואָרן ווי אַ ראָמאַן, דינט אָבער דאָס ווערק ווי אַן אַקוראַטער קוואַל פון אויטענטישן ישיבה־לעבן אין מזרח־אייראָפּע, און דער לערנער און פאָרשער זעט פאַר זיינע אויגן, ווי אַזוי עס האָבן געלעבט צווישן זיך די ישיבה־בחורים און דער ראש־ישיבה, און עס לעבט אויף די גאַנצע אַטמאָספערע פון דער ישיבה.“

די אַקאַדעמיע אויסצייכענונג איז ניט די ערשטע וואָס חיים גראַדע האָט באַקומען פאַר זיינע ווערק. אין 1961 האָט ער געקראָגן אַן ערן־דאָקטאָראַט פון יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר „פאַר זיינע דערגרייכונגען אויפן געביט פון יידישער פּאָעזיע און פּראָזע, אינטעלעקטועלן צושטייער און קינסטלערישער געשטאַלטונג פון דער לומדישער וועלט פון דער חרובער ליטע“; אין 1939 — אַ פּרעמיע פאַר זיין פּאָעמע „די מוסרניקעס“; אין 1950 — דעם לאַמעד־פּריז פאַר זיין נאָוועלע „דער מאַמעס שבתים“; אין 1961 — די קעסל־פּרעמיע פאַר זיין ווערק „די עגונה“ (אויך אַרויסגעגעבן פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין לאָס אַנגעלעס).

אַ צאָל פון חיים גראַדעס ווערק זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף עברית, ענגליש, פּאָרטוגעזיש, שפּאַניש און אַנדערע לשונות. „צמח אַטלאַס“ ווערט איצט איבערזעצט אין עברית און וועט בקרוב דערשיינען אין ישראל.

פאַרן אַרויסגעבן „צמח אַטלאַס“ פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַרב. פאַרבאַנד אין ל.א. קומט אַ יישר־כוח די חברים: יעקב קאַהאַן, שלמה האָכבערג, מאָריס דייטש, יעקב קאַץ, פיליפּ ברוידי און ווילי שאָר.

* * *

**ח. מ. ראָטבלאַט**: פון אונדזער קוואַל־עסייען. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב.

אין בוך קומען אַריין פינף און דרייסיק קריטישע עסייען וועגן העברעאישע און יידישע דיכטער, דערציילער, געלערנטע און פאָרשערס, בכדי — ווי דער מחבר שרייבט אין זיין „פאָרוואָרט"— „צו באַקענען די יידישע לייענער מיט דער מאָדערנער העברעאישער און קלאַסישער ליטעראַטור."

דאָס זיינען עסייען אָפּגעקליבן פון די פילצאָליקע מאמרים וואָס פּראָפ' ח. מ. ראָטבלאַט האָט פאַרעפנטלעכט אין משך פון יאָרן אין פאַרשיידענע צייטשריפטן, אַריינגערעכנט „חשבון". זיי זיינען כולל מאמרים וועגן תנ"ך און מיטאַלטערלעכער העברעאישער פּאָעזיע; עסייען וועגן ח. נ. ביאַליק, שאול טשערניכאָווסקי און שמעון גינצבורג, נחמן קראָכמאַל, רב צעיר א"אַ; קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן העברעאישע און יידישע דיכטערינס און בעלעטריסטן: רחל, י. בת־מרים, אלישבע, מלכה חפץ־טוזמאַן, י. ח. ברענער, אָשר באַראַש און שמעון האַלקין.

ביים לייענען פּראָפ' ראָטבלאַטס בוך באַוואונדערט מען זיין גרויסע ערודיציע און לומדות, זיין טיפע אמונה אין חכמת היהדות, זיין התלהבות פאַר קינסטלערישער עכטקייט און שיינקייט און עשירות פון לשון אין אַ סטיל אָנגעזאַפּט מיט איידלגעמיט.

* * *

## אַ וויכטיק יידיש־ענגליש בוך

THE RABBI'S BIBLE. Volume one: by Solomon Simon & Morrison David Bial, Behran House, Inc. N. Y.C.

אונדזער חשובער מיטאַרבעטער אין „חשבון", דר. שלמה סיימאָן, איז באַקאַנט ווי איינער פון די וויכטיקסטע שרייבער אויף יידיש. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל וויסנשאַפטלעכע ביכער— פאָרשונגען אין חכמת היהדות, באַזונדערס תנ"ך, און אויך פּאָפּולערע ביכער—ספרי לימוד און דערציילונגען פאַר קינדער, וכדומה.

דר. סיימאָן האָט אָבער אין זינען ניט נאָר דעם יידיש־לייענער, נאָר אויך דעם יידיש־ענגלישן לייענער און פאַר אים שרייבט ער אויף דעם לשון וואָס ער פאַרשטייט, ענגליש.

זיין לעצט בוך אויף ענגליש, פאַרפאַסט צוזאַמען מיט מאָריסאָן דוויד ביאַל, הייסט „דהי ראַבייס בייבל", אָבער באמת איז עס אַ „בייבל" ניט נאָר פאַר „ראַבייס", ס'האָט אַ גלייכן ווערט פאַר אַלעמען. דאָ ווערט דער חומש אויסגעקלערט אין הסכם מיט די אַלערליי פּירושים און אגדות פון דער מסורה, אַרויסגענומען פון תלמוד, מדרשים, זוהר און אַנדערע קוואַלן.

אָט איז אַ ביישפּיל ווי די מחברים טוען עס: זיי ציטירן אַ פּסוק פון חומש און אונטער אים ווערט געבראַכט דער דרוש מיט די אַגדות. למשל—דער ערשטער פּסוק פון דער תורה:

„אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד" אא"וו, און אונטער אָט דעם פּסוק ווערט געבראַכט דער דרוש בזה הלשון:

„בראשית, אין אָנהייב: אונדזערע חז"ל האָבן געזאָגט, אַז ווען אַ מלך בויט אַ פּאַלאַץ, האַלט ער זיך אַן עצה מיט אַן אַרכיטעקט וועגן אַ פּלאַן. ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער אויך געאַרבעט לויט אַ פּלאַן — לויט דער תורה. די תורה האָט עקזיסטירט נאָך פריער איידער גאָט האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד, געשריבן מיט שוואַרצן פייער אויף ווייסן פייער. גאָט האָט אַריינגעקוקט אין דער תורה און לויט דעם געשאַפן די וועלט."

ביים פּסוק, „און גאָט האָט געזען אַז עס איז גוט," קומט דער דרוש:

„פאַרוואָס האָט גאָט געזאָגט וועגן דער וועלט, אַז עס איז גוט? ווייל דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט באַשאַפן די וועלט. ער האָט באַשאַפן אַנדערע וועלטן, אָבער יענע זיינען אים ניט געפעלן געוואָרן.

„און פאַרוואָס ניט? ווייל יענע האָט ער באַשאַפן אָן דער תורה, אָן אַ פּלאַן און אָרדענונג. נאָך מער, יענע באַשעפענישן (פון די פריער באַשאַפענע וועלטן) האָבן נישט געקענט אויסקלייבן צווישן גוטס און שלעכטס, צו שטייגן און צו פאַלן. אונדזער וועלט האָט אָבער איר מקור אין דער תורה, וואָס גיט איר אַ פּלאַן און אַ צוועק. צו דעם גיט זי דעם מענטשן די פרייע בחירה, אויסצוקלייבן צי ער זאָל אויספאָלגן גאָט'ס געבאָט צי ניט. גאָט'ס האָפענונג איז, אַז דער מענטש וועט שטייגן צו דער גרויסקייט פאַר וועלכער ער איז באַשאַפן געוואָרן."



דער עיקר פון אָט־דעם דרוש איז דער געדאַנק, אַז די וועלט האָט איר קיום אין דער תורה און אַז די גרויסקייט פון מענטש באַשטייט אין דעם וואָס ער קען אונטערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס און ער האָט פרייען ווילן.

„דהי ראַבייס בייבל" איז באמת אַ וואָרטפול און נוצלעך בוך. ס'דאַרף זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז צוזאַמען מיטן גאַנצן תנ"ך, מיטן תרגום יהואש, און מיט אַ צוגאָב, וואָלטן מיר געזאָגט, פון „די יידישע אגדות" פון ביאַליק און ראַווניצקי.

* * *

**מרים ריינעס מעלצער**: זון דורך וואָלקנס—לידער. פאַרלאַג „המנורה", תּל־אביב.

די לידער אין בוך זיינען איינגעטיילט, לויט זייער אינהאַלט, אין אַכט טיילן: ישראל, פאַר די קליינע קינדערס וועגן, יידישע ימים טובים, האָפענונג, שטימונגען, אָפּגעהאַקטע צווייגן, אונדזער לעבן, און וועלט און מענטש. זייער רירנדיק איז דער אָפּטייל „אָפּגעהאַקטע צווייגן", וואָס איז געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק פון דער דיכטערינס צוויי טעכטער, לאה און פייגע ע"ה:

ווייי און ווינד איז טאַטע־מאַמען,<br>
וואָס האָבן אַ דערוואַקסן קינד פאַרלאָרן,<br>
דעם טרויער אין האַרצן ניט צאַמען,<br>
אין אַנגסט פליען די טעג און יאָרן.

דאָס גאַנצע בוך ווידמעט די דיכטערין צו איר מאַן, לייזער (אליעזר) מעלצער, וועלכער, ווי זי שרייבט: „צוזאַמען האָבן מיר איבערגעלעבט גוטע און שלעכטע צייטן, פּערזענלעכע פריידן און טראַגעדיעס, רעוואָלוציע, שוידערלעכע פּאָגראָמען, די אויסראָטונג פון די זעקס מיליאָן יידן דורך היטלער ימ"ש, און אין דער זעלבער צייט — די פרייד פון אַ יידישער מלוכה."

אַ געהעריקע אָפּשאַצונג וועגן מרים ריינעס מעלצערס לידער האָט געגעבן רחל ינאית בן־צבי, די פרוי פון דעם צווייטן נשיא פון ישראל, אין אַ בריוו צו דער דיכטערין, וואו זי האָט זיך אויסגעדריקט: „צו מרים מעלצער, אונדזער דיכטערין־משוררת, וואָס זינגט אַזוי שיין אין מאַמע־לשון, וואָס קלינגט אין מיינע אויערן ווי פּסוקים פון תנ"ך."

## מעינקע קאַצ'ס לידער אין יאַפּאַנעזיש

אין טאָקיאָ, יאַפּאַן, איז לעצטנס דערשינען אַ בינטל לידער פון דיכטער מעינקע („מעין נקי") קאַץ, איבערגעזעצט אין דער יאַפּאַנישער שפּראַך.

אין דער קליינער זאַמלונג קומען צוועלף לידער, וואָס זיינען פריער געווען געדרוקט אין פאַרשיידענע אַמעריקאַנישע זשורנאַלן און אויך אין זיין ענגלישן לידער־בוך „לענד אָוו מאַנאַ." אויף איין זייט קומט דער ענגלישער אָריגינאַל און אויף דער צווייטער—די יאַפּאַנישע איבערזעצונג אויף דער יאַפּאַנעזישער שריפט.

די קליינע לידער־זאַמלונג באַשטייט דער עיקר פון לידער אויף יידישער און ניו־יאָרקער טעמאַטיק. עס זעט אויס, אַז אָט־די צוויי טעמעס אין מ. קאַצ'ס דיכטונג אין דער ענגלישער שפּראַך האָט אַרויסגערופן דעם גרעסטן אינטערעס ביי דעם יאַפּאַנישן איבערזעצער.

מעינקע קאַצ'ס לידער זיינען אין די פאַרגאַנגענע פאָר יאָר אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין איטאַליעניש, הינדו און אַנדערע שפּראַכן, און געווען געדרוקט אין פּאָעזיע זשורנאַלן אין פאַרשיידענע לענדער.

**יחזקאל בראָנשטיינס** נייער אַדרעס:

E. BROWNSTONE<br>
1713 No. Orange Grove Ave.<br>
Hollywood, Calif. 90046

## יצחק ניומאַן

# די מגילות פון ים המלח

וועגן די אַזוי גערופענע „מגילות פון ים המלח" איז פיל געשריבן געוואָרן אין אַלערליי לשונות, באַזונדערס אין עברית און ענגליש; פילצאָליקע ביכער זיינען וועגן דעם פאַרעפנטלעכט געוואָרן; אָן אַ שיעור מאמרים זיינען וועגן דעם דערשינען אין צייטונגען און זשורנאַלן; אין יידיש אָבער, אויף וויפיל ס'איז מיר באַקאַנט, איז קיין אויספירלעכע ערנסטע אָפּהאַנדלונג מכוח דעם ביז איצט ניט פובליקירט געוואָרן. מהאי טעמא פאַרדינט זיך באַגריסט צו ווערן דאָס בוך איבער אָט־דער טעמע, אונטער דעם אויבערשטן נאָמען — „מגילות פון ים המלח" פון ש. גלאַזמאַן — אַ מחבר, וואָס זיין נאָמען איז אונדז ביז איצט ניט געווען באַקאַנט. ס'איז אַ בוך (פון 383 זייטן), וואו די „מגילות" ווערן גענוי באַהאַנדלט און אָפּגעשאַצט, סיי מצד זייער אינהאַלט און סיי לויט זייער היסטאָרישן באַטייט.

וואָס שטעלן פאָר מיט זיך די דאָזיקע „מגילות"? דאָס קלערט אויף ש. גלאַזמאַן אין זיין פאָרוואָרט צום בוך. צווישן אַנדערן מערקט ער דאָרט אָן, און מיט רעכט, אַז: „פון אַלע גרויסע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען און געפינסן די לעצטע הונדערט יאָר, קאָן זיך קיין איינע ניט פאַרגלייכן, ניט אין באַטייט און ניט מיט דעם רושם וואָס זיי האָבן געמאַכט אין דער וועלט, מיט די געפונענע אַלטע מאַנוסקריפּטן אין די היילן לעבן ים המלח. זייער באַטייט ליגט אָבער ניט אַזוי אין זייער עלטער (זיי זיינען אַלט אַרום 2000 יאָר, מיט אפשר אַ צוגאָב פון נאָך צוויידריי הונדערט יאָר) ווי אין דעם פאַקט, וואָס דאָ איז אַנטדעקט געוואָרן אַ פאַרשוואונדענע ליטעראַטור, וואָס האָט באַלויכטן אַ פאַרטונקלטן, אָבער זייער אַ וויכטיקן פּעריאָד אין דער יידישער ווי אין דער אַלגעמיינער געשיכטע."

דער עיקר פון דעם געפינס פון די מגילות, קלערט אויף דער מחבר זייער ריכטיק, ליגט אין דעם פאַקט וואָס עס זיינען אויפגעדעקט געוואָרן פאַרשוואונדענע שפּורן צו דער אורשפּרונג פון דער קריסטלעכער רעליגיע. ס'איז אַלעמען געווען באַקאַנט, אַז די קריסטלעכע רעליגיע שטאַמט אָפּ פון דער יידישער. ווי אַזוי אָבער עס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן אָט־דער שפּליטער פון דער יידישער רעליגיע און זיך אַנטוויקלט אין אַ נייער, אין אַן אַנדערער — דאָס איז אַ רעטעניש וואָס איז ביז איצט ניט אויפגעקלערט געוואָרן. ערנסטע היסטאָריקער האָבן נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק אָנגעדייט, אַז דעם אָנהייב פון קריסטנטום דאַרף מען זוכן ניט אין עוואַנגעליום נאָר צווישן יידישע שפּליטער־סעקטעס און זייטיקע רעליגיעזע גרופּעס אַרום הונדערט יאָר, אָדער מער, פאַרן קריסטנטום. ביי די דאָזיקע געלערנטע איז געבליבן אין געדאַנק, אַז דער בראשית פון קריסטנטום דאַרף מען זוכן אין איינעם אָדער עטלעכע סעקטעס איסיים ביי יידן, אין ערשטן אָדער צווייטן יאָרהונדערט פאַר אונדזער צייטרעכענונג.

ווער זיינען געווען די איסיים? מיט וואָס האָבן זיי זיך אונטערשיידט פון די פרושים און צדוקים פון יענער יידישער היסטאָרישער עפּאָכע פאַר די לעצטע פאָר הונדערט יאָר פאַרן חורבן בית שני? וועגן דעם זיינען ביז איצט קיין קלאָרע ידיעות ניט געווען. בשעתם האָבן וועגן זיי געשריבן דער גרויסער יידישער פילאָזאָף פילון פון אַלעקסאַנדריע (מצרים) אין דער יידישער היסטאָריקער פון יענער צייט, יאָזעפוס



פלאַוויוס. אָבער די ידיעות וואָס זיי האָבן איבערגעגעבן, האָבן ניט אויפגעקלערט דעם עצם גייסטיקן מהות פון די איסיים. דאָס ווערט איצט אַ סך קלאָרער דורך די אַנטפּלעקטע מגילות פון ים המלח.

די מגילות האָבן די איסיים איבערגעלאָזן פאַרשטעקט אין פאַרלאָזענע וויסטע היילן אין מדבר יהודה נעבן ים המלח. דורך די מגילות באַקענט מען זיך מיט די חלוקי דעות צווישן די איסיים און די פירער פון לאַנד, און ווי די דאָזיקע איסיים האָבן בהדרגהדיק מוותר געווען אויף אַלטע יידישע רעליגיעזע און סאָציאַלע איינשטעלונגען און האָבן איינגעפירט נייע טראַדיציעס, געוואָרן די טרעגער פון אַ נייער רעליגיע, וואָס האָט זיך מיט דער צייט פאַרשפּרייט, זיך אַנטוויקלט, און זיך אויסגעשטאַלטיקט ווי דאָס קריסטנטום.

גלאַזמאַן באַהאַנדלט די דאָזיקע טעמע באריכות און גרינטלעך. ער דערציילט ווי די מגילות זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן, ער גיט איבער דעם אינהאַלט פון די געפונענע מגילות, דעם היסטאָרישן הינטערגרונט פון דער עפּאָכע ווען די מגילות זיינען געשריבן געוואָרן, באַהאַנדלט דעם אָפּשטאַם פון די איסיים און דעם יידישן מצב אונטער דער רוימישער הערשאַפט, די אידעאָלאָגיע און אויפפירונג פון די איסיים און די ענלעכקייטן אין עוואַנגעליום און די מגילות. צום סוף פונעם בוך גיט אַריין דער מחבר זיין יידישע איבערזעצונג פון די מגילות — אַכט אין צאָל — און אויסצוגן פון די ווערק פון פילון און יאָזעפוס פלאַוויוס, וואָס זיי האָבן געשריבן אין שייכות מיט די איסיים באַוועגונגען.

ש. גלאַזמאַן פאַרדינט אַ יישר־כוח פאַר זיין „מגילות פון ים המלח." ס'איז אַ בוך פון גרויסן ווערט, וואָס יעדער ערנסטער יידיש־לייענער דאַרף זיך מיט דעם באַקענען.

## מלכה לי / ניו־יאָרק

# נ ע ם  נ י ט  צ ו

גאָטעניו, גאָטעניו,
זע דיין וועלט
פול מיט זון,
זע דיין טאָג
פול מיט שיין,
זע דיין נאַכט
פול מיט וויין.
גאָטעניו, גאָטעניו,
נעם ניט צו,
נעם ניט צו!

איך גיי דאָ אום
און נעם אַרום,
קוש דיין גראָז,
האַלדז דיין שטיין,
אַלץ גייט אויף,
וויל נישט פאַרגיין.
אַלץ וואָס לעבט —
אין דיר פאַרוועבט.
גאָטעניו, גאָטעניו,
נעם ניט צו!

איך בין דיין ליכט,
איך בין דיין זון,
די גאַנצע וועלט
נעם אַרום.
איך בין דיין פלאַם,
איך בין דיין שטויב.
גאָטעניו, גאָטעניו,
אין דיר איך גלויב.
עס איז קורץ די שעה —
גאָטעניו, נעם ניט צו!

# קונסט און קינסטלער

זלמן זילבערצוויג

## מאָרים מעיסאָן — דער אידעאַליסטישער טעאַטראַל

קיין גענויע ביאָגראַפישע דאַטעס וועגן אים האָב איך ניט. זיין נאָענטער חבר, מרדכי מייזעל, זאָגט מיר, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין קיעוו און איז נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געקומען קיין אַמעריקע, אין שיקאַגע, צו שוועסטער, וועלכע האָבן זיך דאָרט שוין געפונען אַפּנים פון פריער. ווייס איך ניט, אָבער טאַקע גאָרניט וועגן זיין היים, וועגן זיין דערציאונג, איז זיין פאָטער געווען אַ משכיל, אַ פרומער, אַ סוחר, אַ בעל־מלאכה אָדער גאָר אַ לופט־מענטש, און וויפיל יידיש וויסן האָבן די עלטערן געגעבן זייער זונדל איידער ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין דער גרויסער ברייטער וועלט?

פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען דער חסידישער ברען, די אָפּטע עקזאַלטאַציע, די התלהבות, אין וועלכער ער פלעגט אַזוי שנעל אַריינפאַלן?

און פון וואַנען קומט צו אַ יידישן בחור פון דער אוקראַינע אַזאַ פאַרענגלישטער פאַמיליע־נאָמען ווי מעיסאָן? זיכער האָט דעם נאָמען ניט מיטעמיגרירט מיט אים אַזש פון קיעוו.

איין זאַך איז אָבער זיכער, אַז מעיסאָן איז געקומען קיין אַמעריקע שוין אַ „פאַרטיקער,” אַ טעאַטראַל, אַ פאַרבונדענער צום טעאַטער און אַ צוגעבונדענער צו אים. ער האָט נאָך אין קיעוו געשפּילט טעאַטער, טאַקע ניט אויף יידיש, נאָר אויף רוסיש. ער פלעגט אין די שפּעטערע יאָרן זייער אָפט מיט שטאָלץ דערמאָנען אָט־די צייט פון זיין שפּילן אויף דער רוסישער בינע, און ער האָט געקאָנט מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער האָט דאָרט מיטגעווירקט אין גרויסע ראָלן, אָבער וועדליג זיין יוגנט דעמאָלט, און וועדליג עס איז געווען זיין אָנהייב, דאַרף מען אָננעמען, אַז ער האָט לכתחילה אין דער רוסישער טרופּע פון פּאַגאַטילאָוו זיך באַגנוגנט מיט סטאַטיסטירן און שפּעטער אייניצקווייז זיך „אַרויפגעאַרבעט” צו קלענערע ראָלן. סייווי, האָט דאָס דאָזיקע טעאַטער מיט דער דיסציפּלין, וואָס האָט דאָרט געהערשט, מיט דער ערנסטער באַציאונג, מיט דעם פיינעם רעפּערטואַר, מיט דעם אָנזען און דעם דרך־ארץ אינעווייניק און אויסנווייניק, געהאַט אַ גרויסע און אומפאַרגעסלעכע השפּעה אויף דער יונגער נשמה פון מעיסאָנען. דאָס איז געווען אַ וואונדערבאַרע שול, וואָס האָט געלייגט אַ חותם אויף זיין שפּעטערדיקע גאַנצע טעאַטער־טעטיקייט.

שיקאַגע האָט דעמאָלט געהאַט ניט איין, נאָר טייל מאָל צוויי טעגלעכע יידישע טעאַטערס, אָבער די יידישע אינטעליגענץ, די יידישע יוגנט, וועלכע איז געקומען פון דער אַנדערער זייט ים מיט נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן און מיט אַ שטרעבונג צו הייבן דעם קולטורעלן מצב פון דער יידישער קונסט, האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַן אייגן ווינקעלע וואו זי זאָל פּראָפּאַגאַנדירן אירע אידייען: דעם דראַמאַטישן קרייז. פריער אונטער פאַרשיידענע נעמען ביז עס איז עטאַבלירט געוואָרן די „שיקאַגער יידישע דראַמאַטישע געזעלשאַפט,” וואָס האָט ניט מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים דערקלערט „מלחמה” דעם פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער דורך קעגנשטעלן דעם רעפּערטואַר פון יידישן דראַמאַטיקער קעגן יידישן פּיעסן־שרייבער, דורך צוציען רעזשיסערן און מאַלער, וועלכע האָבן אַריינגעטייטשט און אויסגעטייטשט די כוונות פון שרייבער ווי אַ צוגאָב צום שפּיל פון די שפּילער.

מעיסאָן האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער דאָזיקער גרופּע און עס האָט ניט לאַנג גענומען, ווי ער האָט אין איר אָנגעהויבן



שפּילן אַ גאָר וויכטיקע ראָל. ניט נאָר האָט ער אַלץ מער און אַלץ אָפטער באַקומען צו שפּילן וויכטיקע און אָנגעזעענע ראָלן און געקראָגן פאַר זיין אינטערפּרעטאַציע די אַנערקענונג פון דער קריטיק, נאָר ער האָט באַלד אויך געקראָגן די מעגלעכקייט צו מאַכן אַ ריי אויפפירונגען פון זייער וויכטיקע פּיעסן פון בעסערן יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר, ווי קאָבּרינס „יאַנקל בוילע”, אַש'ס „אונדזער גלויבן,” טשיריקאָווס „די יידן”, הירשביינס „דעם שמידס טעכטער” און אַ גאַנצע ריי איינאַקטערס.

אָבער ניט נאָר שיקאַגע און די שטעט אַרום האָבן גענאָסן פון די דאָזיקע יידישע פאָרשטעלונגען און פון מעיסאָנס אַרבעט. ווען ס'האָבן זיך נאָר באַוויזן די ערשטע מעגלעכקייטן, אַז אויך אין דער שטאָט מילוואָקי זאָל געשאַפן ווערן אַן ענלעכע דראַמאַטישע געזעלשאַפט, האָט מעיסאָן זייער מיטגעהאָלפן צו איר אַנטוויקלונג דורך דעם, וואָס ער האָט דאָרט אויפגעפירט אייניקע פּיעסן, ביז די דאָרטיקע דראַמאַטישע געזעלשאַפט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַלס „פּערהיפּט” אַזוי שטאַרק אויף אייגענע פיס, אַז זי האָט זיך געקאָנט דערלויבן צו אַנגאַזשירן שטענדיקע רעזשיסערן אויף יערלעכע געהאַלטן, און דווקא זי, די טאָכטער, האָט איבערגעלעבט דער מאַמען. מילוואָקער „פּערהיפּט” איז געבליבן עקזיסטירן און אַקטיוו עד היום, אין דער צייט וואָס די שיקאַגער זיינען אונטערגעגאַנגען מחמת זיי זיינען זיך צעפאָרן איבערן לאַנד.

אויב אין אָנהייב פון זיין באַזעצן זיך אין שיקאַגע האָט מעיסאָן געצויגן זיין חיונה פון זיין אַ קאָסטאָם פּעדלער, און האָט בלויז די אָוונטן געקאָנט אַוועקגעבן דעם טעאַטער, און האָט אין דער ערשטער צייט אויך דערצו נאָך פאַרגעזעצט צו שפּילן אויף דער אָרטיקער רוסישער בינע, האָט ער שפּעטער מיטן עפענען זיין רעסטאָראַן, זיך אינגאַנצן פאַרבונדן מיט טעאַטער. קודם כל האָט ער זיין רעסטאָראַן אַ נאָמען געגעבן „קאַפע ראָיאַל”, דעם זעלבן נאָמען וואָס האָט זיך גערופן דאָס באַרימט קאַפע־הויז, די אַכסניה פון דער יידישער טעאַטער־ און שרייבער־וועלט אין ניו־יאָרק. דאָס האָט טאַקע דערפירט, אַז עס איז געוואָרן דער זאַמלפּונקט פון יעדן איינעם, וואָס האָט געהאַט וועלכע עס איז שייכות מיט יידישער קולטור, באַזונדערס מיט יידיש טעאַטער.

די קונים פלעגן באַדינט ווערן פון קעלנער און פון מעיסאָנס פרוי לאה. מעיסאָן אַליין פלעגט על פי רוב זיצן ביי די טישלעך און שמועסן מיט די געסט, דעבאַטירן, דיסקוטירן און היצן זיך וועגן טעאַטער־פּראָבלעמען, אָדער ער פלעגט גאָר זיין ערגעץ אויף פּראָבן, אָדער טאַקע זיין פאַרנומען אין הינטערשטן טייל פון דעם קאַפע־הויז, וואָס האָט געהאַט אַ מין געדעקטן גאָרטן מיט אַ בינע אויף וועלכער מען פלעגט דורכפירן פאַרשיידענע פּראָגראַמען.

פונקט ווי דאָס ניו־יאָרקער „קאַפע ראָיאַל” אַזוי איז אויך מעיסאָנס „קאַפע ראָיאַל” געווען אייניקע חדשים אין יאָר דאָס טוריסטן־פּלאַץ פאַר נייגעריקע, וואָס זיינען געקומען אָנקוקן די „סטאַרס”, וועלכע פלעגן קומען נאָכן סעזאָן אין ניו־יאָרק שפּילן מיט זייערע טרופּעס קיין שיקאַגע, און פלעגן נאָך די פאָרשטעלונגען אַריינקומען עסן אין „קאַפע ראָיאַל.” עס האָבן אויך ניט געפעלט קיין שטענדיקע „שטאַם־געסט”, דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס האָבן ניט דורכגעלאָזט קיין איין טאָג דאָרט צו זיין און האָבן שוין געהאַט זייער באַשטימטן פּלאַץ. צו זיי האָבן געהערט מאיר זאָלאָטאַראָוו, וועלכער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון אַ זייער אינטערעסאַנטן חודש־זשורנאַל „שיקאַגאָ” און גלייכצייטיק אַ רעפּאָרטער־מיטאַרבעטער אין אַן ענגלישער הוירסט צייטונג, און פלעגט קאָנען דערציילן אויסטערלישע מעשיות פון „נישט געשטויגן, נישט געפלויגן”, וועלכע ער אַליין האָט געגלייבט אַז זיי זיינען אמת; און דער אויסערגעוויינלעך פּעאיקער זשורנאַליסט און טעאַטראַל אברהמל (דר. מאַרגאָלין), וועלכער, זיצנדיק אין שיקאַגע, האָט געפירט אַלע חשבונות און אַלע רכילות פון אַלע יידישע טעאַטערס איבער גאַנץ אַמעריקע.

מער ווי איין מאָל פלעגט טרעפן, אַז מעיסאָן האָט זיך אַזוי פאַררעדט, אַז ער האָט פאַרגעסן צו נעמען באַצאָלט ביי געוויסע געסט, וועלכע זיינען אַוועק אָן אַ זייגעזונט. עס האָט אים ניט געאַרט אויב

די מענטשן, מיט וועלכע ער איז געזעסן, זיינען אים נאָר געווען צום האַרצן ווי קינסטלער. און מער ווי איין מאָל האָט געטראָפן, אַז ער אָדער זיין פרוי פלעגן ביי געוויסע אַריינגייער ניט נאָר ניט נעמען באַצאָלט פאַרן עסן, נאָר זיי האָבן זיי נאָך „צוגעבאָרגט“ עפעס, אַז זיי זאָלן האָבן אויפן מאָרגנדיקן טאָג...

פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ „וואונדערבאַרן“ מענעדזשמענט, ווען עס איז נאָך אונטערגעקומען דאָס אויסוואַנדערן פון דער ווייסער באַפעלקערונג פון יענעם געגנט, האָט מעיסאָן זיך געמוזט געזעגענען מיטן רעסטאָראַן און איז אַריין אין די ביזנעס פון סאַרוועריי אויף חתונות און אַנדערע שמחות. דאָ דווקא, מיט אַ שותף, האָט ער מצליח געווען, אָבער — קיין יידיש טעאַטער אין שיקאַגע איז מער נישטאָ, די דראַמאַטישע געזעלשאַפט עקזיסטירט נישט מער, זעלטן אַמאָל אַז מעיסאָן אַליין פלעגט ערגעץ־וואו אַרויסטרעטן מיט אַ יידישער דעקלאַמאַציע אָדער רעציטאַציע, און — דאָ קומט אַריין דאָס קאַפיטל לאָס אַנדזשעלעס.

די מעיסאָנס האָבן אין לאָס אַנדזשעלעס אַ זון, און שוין יאָרן ווי זיי קומען אַהער יעדעס יאָר אויף עטלעכע וואָכן, און יעדעס מאָל האָט מעיסאָן באַשלאָסן אַז קומענדיקן מאָל קומט ער זיך דאָ באַזעצן, אָבער אַז עס איז געקומען קומענדיקער יאָר, האָט ער ווידער יוצא געווען מיט אַזאַ צוזאָג, ביז ענדלעך זיינען זיי פאָרט ביידע געקומען.

מעיסאָן איז געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס מיט אַ פאַרטיקן פלאַן פון אָנפירן אַ יידישע טעאַטער־גרופע ביים היגן קאָמיוניטי סענטער. ער האָט גענומען אַלס מוסטער מילוואָקי, וועלכע ווערט טיילוויז אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון דער דאָרטיקער קהילה. ער האָט געגליבט, אַז עס וועט אים אָנקומען נישט שווער צונויפצוקלייבן די געוועזענע מיטגלידער פון דער „שיקאַגער דראַמאַטישער געזעלשאַפט“, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין ל. א., צוציען עטלעכע אָרטיקע טעאַטראַלע כוחות און טאַקע דורכן קאָמיוניטי סענטער, וואָס האָט אַן ענגלישע דראַמאַטישע סעקציע, אויך צוציען נייע, אַמעריקאַנער־יידישע יונגעלייט.

איך האָב געוואוסט די שוועריקייטן פון רעאַליזירן אַזאַ פלאַן, אָבער איך האָב ניט געוואָלט שטערן זיינע חלומות; פאַרקערט, אים העלפן, און האָב אים אַוועקגעפירט צום דירעקטאָר פון די סענטערס, פ. גאָלד, אים שטאַרק רעקאָמענדירט, און היות ווי גאָלד אַליין, כאָטש ער לעבט לעצטנס כסדר אין דער פאַרענגלישטער וועלט, איז דאָך טיילוויז אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ יידישער שול אין קאַנאַדע, האָט געהאַט אַן אָפן אויער פאַרן פראָיעקט, האָט ער אָבער געהאַט אַ גערעכטע טענה: „איך בין ניט קיין פוסק אַחרון. איך דאַרף דעם פראָיעקט פאָרברענגען פאַרן קאָמיטעט. ברענגט מיר אַ גענויען פלאַן פון רעפערטואַר און אַ חשבון בערך פון די הוצאות, וועלן מיר זען צי מיר קאָנען דאָס נעמען אויף אונדזערע פלייצעס. איך פאַרזיכער אייך, אַז אויב עס שמעקט נישט מיט קיין צו־גרויסע הוצאות, וועט עס געשען.“

זיין ענטפער האָט מיך זייער צופרידנגעשטעלט און דערפרייט. איך האָב אָנגעהויבן זיך מיישב צו זיין מיט מעיסאָנען וועגן רעפערטואַר, אָבער איך האָב באַלד איינגעזען, אַז איך האָב פאַר מיר טאַקע אַן אידעאַליסטישן טעאַטראַל, אָבער ניט קיין פראַקטישן מענטש, וואָס קען זיך אַריינפאַסן אין דער ראַם פון דער אַמעריקאַנער דיסציפלינירטער געשעפטלעכער פירונג אפילו פון קונסט־אינסטיטוציעס.

עס זיינען אַוועק וואָכן און וואָכן. אָן אַ שיעור מאָל האָב איך געוועקט און געמאָנט ביי מעיסאָנען צוצוגרייטן אַ קלאָרן ענטפער פאַר פ. גאָלד, אָבער ער האָט אַזאַ ענטפער קיין מאָל ניט געגעבן. ער האָט אָבער אין דער זעלבער צייט קיין מאָל ניט אויפגעגעבן זיין געדאַנק פון אָרגאַניזירן דאָ אַ גרופע פאַר בעסער טעאַטער און פאַראינטערעסירן מיט דעם טעאַטער־פריינט און טעאַטראַלן.

לסוף האָט מען גערופן אַן אסיפה, מ׳האָט געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, מ׳האָט געשאַפן אַביסל געלט, מ׳האָט אפילו אָנגעהויבן מאַכן פראָבן אויף איינאַקטערס, אָבער די גאַנצע זאַך איז זיך באַלד צעפאַלן, ווייל אינצווישן איז מעיסאָן קראַנק געוואָרן. די גאַנצע צייט וואָס ער איז געווען אין לאָס אַנדזשעלעס האָט ער אפנים ניט צו גוט געפילט, אָבער ער האָט עס דערשטיקט — אַביסל דורך אויפטרעטן אויף אונדזער ראַדיאָ־פראָגראַם, טייל מאָל אין קולטור־קלוב אָדער אויף אַנדערע פלעצער, און דער עיקר דורך ריידן און וועבן דעם געדאַנק וועגן שאַפן אַ בעסערן טעאַטער אין לאָס אַנדזשעלעס.

מיטאַמאָל האָב איך אָנגעהויבן צו הערן שלעכטע בשורות, אַז מעיסאָן דאָקטערט זיך זייער שטאַרק, און ער „פאַלט איין.“ מיר האָבן אָנגעהויבן חושד צו זיין, אַז ער ליידט אויף אַ שלעכטער קראַנקייט, און ליידער האָבן מיר קיין טעות ניט געהאַט. ער איז פון דער קראַנקייט מער ניט אַרויס.



לייזער מעלצער / אָוקלאַנד

# אין און אַרום צפון־קאַליפאָרניע

ווי זינגט זיך יענער פאָלקס־ליד? — „אַמאָל איז געווען אַ מעשה.“ אַ שיינע מעשה, אַ פריילעכע. היינט איז די מעשה גאָרניט פריילעך. דערצו איז נאָך צוגעקומען צו דער מעשה גאָרניט קיין סימפאַטישער מלך. און ווי איז דער צוגאַנג? איז ער טאַקע אוי און ווי.

קאַליפאָרניע איז געווען באַקאַנט ווי אַ שטאַט רייך מיט תורה: אַ קלייניקייט — 94 קאָלעדזשעס, אַ שטאַט־אוניווערסיטעט מיט 9 קעמפוסעס; אַ שטאַט וואָס האָט מער סטודענטן ווי ניו־יאָרק, טעקסעס און אילינאָי צוזאַמענגענומען, און לערנען איז געווען פריי; 91 טויזנט סטודענטן אין אוניווערסיטעט, 173 טויזנט אין שטאַט־קאָלעדזשעס, 571 טויזנט תלמידים אין דזשוניאָר קאַלעדזשעס און איבער 200 טויזנט פאַרשיידענע קורסן! דאָס מיינט אַז איינער פון יעדע 19 קאַליפאָרניער האָט געלערנט, און געלערנט פריי! און דער גאַנצער אַפאַראַט כמעט האָט זיך געצויגן פון איין קליין שטעטל, פון בוירקעלי — ווי די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן ציט זיך פון וואַשינגטאָן.

ווען מען פלעגט קומען אין בוירקעלי אוניווערסיטעט, פלעגט אייך ווי אַ הייליקייט באַפאַלן: קלאַס־צימערן אין די טויזנטער, ביבליאָטעקן, טעאַטער און מוזיק־צימערן; מען האָט געזען פראָפעסאָרן מיט ביכער איילנדיק זיך צו די קלאַסן, סטודענטן האַלב־פאַרשלאָפענע פון שווערער אַרבעט ביז שפעט אין דער נאַכט; עס האָט זיך געקאָכט און געשטורעמט ווי אין אַ ריזיקער פאַבריק — דאָ זיינען „פאַבריצירט“ געוואָרן די פירער, די לערער, די וויסנשאַפטסלייט, די דיפלאָמאַטן, די צוקונפטיקע געשעפטס־פירער פון לאַנד, די אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים, די אינזשענערן און טעכניקער.

היינט אַז איר קומט צו צום אוניווערסיטעט, זעט איר באַבערדלטע, ניט שטאַרק ריינע בחורים, פאַרדריפעטע ניט פאַרקאַמטע מיידלעך, און ווי אַמאָל אויף יוניאָן סקווער אין ניו־יאָרק, שטייען קרייזלעך און מען הערט זיך צו צו די רעדעס פון די באַוואַקסענע יונגע לייט, וואו מען פראָטעסטירט קעגן אַלץ אין דער וועלט, קעגן וויעטנאַם, קעגן דעם וואָס מען באַהאַנדלט ניט די נעגערס ווי מען דאַרף, קעגן דעם וואָס מען לאָזט ניט אויפן קעמפוס פאַרקויפן שמוציקע ביכער און בילדער; מען פאָדערט פרייהייט צו ריידן שמוציקע רייד, מען פאָדערט מען זאָל געבן די סטודענטקעס פילן צו פאַרהיטן זיי פון שוואַנגערן. איז געווען אַ פראָגרעסיווער גאָווערנאָר, האָט מען פון אים געריסן פאַסן, גערופן אים מיט די ערגסטע נעמען אַגיטירט פאַר זיין קעגנער. איז דער קעגנער דערוויילט געוואָרן און געוויזן ווער און וואָס ער איז, איז מען פאַר אַ וויילע שטום געוואָרן. איצט פראָטעסטירט מען שוין קעגן אים, ווייל ער וויל אַז די סטודענטן זאָלן צאָלן פאַר זייער לערנען. ער האָט אַרויסגעשטופט דעם ליבעראַלן פרעזידענט פון אוניווערסיטעט און קריכט גלאַט אויף גלייכע ווענט — אַ נייער מלך...

איצט זיינען די סטודענטן ווידער פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן דעמאָנסטראַציעס קעגן וויעטנאַמער מלחמה. און לערנען? ווער לערנען! וואָס לערנען! די קלאַסן זיינען האַלב און אַמאָל מער ווי האַלב פוסט, די סטודענטן זיינען פאַרנומען...

צום גרויסן באַדויערן זיינען גאָר אַ סך פון די אָנפירער פון די טומלער מאחינו בני ישראל.

האָט מען דאָך טענות צו דער הילל־פונדאַציע: סטייטש, וואָס טוט איר גאָרניט פאַר די ייִדישע סטודענטן? ייִדישע סטודענטן און סטודענטקעס ווייסן ניט פון קיין ייִדישקייט; עס פאַרמערט זיך ביי זיי געמישטע חתונות; עס ווערט מקוים י. ל. פּרץ'ס ליד:

ווייסע, געלע, רויטע, שוואַרצע;
מישט זיי פאַרבן אויס צוזאַמען,
אַלע מענטשן זיינען ברידער,
פון איין טאַטן, פון איין מאַמען.

מישט מען זיך טאַקע. פאָרט פון דאַנען אַ סטודענטקע, אַ ייִדישע, מיט אַ שוואַרצער „דיפּלאָמעלע" אויף די הענט...

ענטפערן זיי, פון דער הילל פונדאַציע, אַז קיין געלט איז ניטאָ... האָבן זיך איצטער די רבנים, אַלע רבנים — אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמער, געכאַפּט, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן... די רבנים און ראַבייס פון אָוקלאַנד, בוירקעלי און אַרומיקע שטעטלעך האָבן אַרויסגעלאָזן אַ רוף צו אַלע ייִדן וואָס גייען אין די שולן און טעמפּלען, צו קומען צו הילף דער הילל פונדאַציע.

זאָל גאָט העלפן...

## דער אָוקלאַנד ייִדישער צענטער— אַ גאָט בענטשונג

דער אָוקלענדער ייִדישער צענטער איז אַ גאָט בענטשונג פאַר די היגע ייִדן. זאָל דאָס נאָר אָנהאַלטן. יעדע אָרגאַניזאַציע האָט דאָ איר היים. האָט איר געלט צו באַצאָלן פאַר רענט, איז גוט; האָט איר ניט, וועט מען אייך ניט לאָזן חלילה האָבן מיטינגען אין גאַס. טוט איר נאָר קולטור־אַרבעט, זענט איר געוויס ווילקאָמען.

דערצו האָט דער צענטער אונטער איר פליגלען אַ ייִדישע קולטור־גרופּע, וואָס טוט פיינע אַרבעט.

יעדן חודש ווערט דורכגעפירט אַ קולטור־אַקציע אין ייִדיש. מען האָט אַראָפּגעבראַכט די פיינע טרופּע פון ייִדיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד; מען האָט דורכגעפירט אין חודש פון ייִדישער מוזיק אַ פיינעם מוזיק־אָוונט מיט דריי וואונדערבאַרע חזנים; ישראל טענצער האָבן דורכגעפירט אַ זייער פיינעם נאָכמיטאָג מיט ישראלדיקע און אַלגעמיין ייִדישע טענץ און געזאַנג.

עס ווערן דורכגעפירט שרייבער־אָוונטן, לעקציעס אויף ייִדישע טעמעס אד"ג.

## נ'שטאָ קיין נחת פון די ישראלים

באַשערט אונדז צו האָבן עגמת נפש פון אַזוינע, וועלכע מיר האָבן געהאַלטן פאַר די אויבערשטע פון שטויסל. מיר מיינען דאָ די ישראל סטודענטן. צוויי קאַטעגאָריעס סטודענטן האָבן מיר דאָ: איין סאָרט, קינדער פון רייכע טאַטע־מאַמע, וועלכע שיקן זיי פון ישראל אַמעריקאַנער דאָלאַרן צו לערנען; די צווייטע זיינען אָדער „געביטענע", וואָס מען רופט אָן „עקסטשענדזש סטודענטן"; אויך אַזעלכע וואָס די ישראל רעגירונג שיקט צו פאַרפולקאָמען זיך אין געוויסע לימודים. פון ביידע סאָרטן סטודענטן האָבן מיר ווייניק נחת. 90 פּראָצענט פון אָט־די סטודענטן ווילן ניט נאָר ניט האָבן צו טאָן מיט די ייִדן בכלל, נאָר זיי זיינען אפילו ווייט פון די ייִדישע סטודענטן מיט וועלכע זיי לערנען צוזאַמען. זיי זיינען אַ „קלען" פאַר זיך. אויב מען דאַרף יאָ האָבן צו טאָן מיט אַנדערע, איז מען נעענטער צו די גויים.

גאָר די גרעסטע צאָל פון זיי טוען אַלץ אין דער וועלט צו פאַרבלייבן אין אַמעריקע. אפילו אויב נייטיק, האָט מען חתונה דאָ מיט אַ ייִדישער אָדער גויאישער מיידל, מען האָט אַ קינד, און אַז מען האָט אַן אַמעריקאַנער קינד, איז שוין ניט שווער צו פאַרבלייבן דאָ. ווען נייטיק, שטעלט מען זיך ניט אָפּ חתונה צו האָבן מיט אַ פרוי, וואָס האָט שוין קינדער, און אַז מען ווערט אַ בירגער, זוכט מען אָפּט אַ וועג פּטור צו ווערן פון ווייב און דערנאָך זוכן אַ רייכן שידוך... ווען ישראל וואָלט געקענט האַלטן אָט־די סטודענטן ביי זיך, וואָלטן זיי געטאָן אַ טובה טאַקע



# לזכרון נצח

משה ווייסמאַן

## מיינע זכרונות וועגן גאָלדע דראָזד

וויכטיק איז דער אָנדענק פון אַ מענטשן ווען ער אָדער זי פאַרלאָזט די ליכטיקע וועלט און עס פאַרבלייבן די צייכנס פון זיינע אָדער אירע פאַרגאַנגענע טריט. גאָלדעס ט ר י ט אין היגן פאָלקישן לעבן וועט מען גרינג דערקענען, ווייל זי האָט געהאָלפן פאַרקויפן דאָס ייִדישע בוך, זי האָט אַנטייל־גענומען אויפצוהאַלטן די ייִדישע שפּראַך, געווען טעטיק אינעם היגן קולטור־לעבן.

ווען גאָלדע איז אַהער אָנגעקומען, דריי צענדליק יאָרן צוריק, איז זי געקומען „אַן אויסגעשולטע" פון דער שטאָט ניו־



גאָלדע שלאָסבערג דראָזד

יאָרק, וואָס זי האָט אויך דאָרטן זיך באַטייליקט אינעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. צו איר איז ניט געווען פרעמד די ייִדישע שרייבער־וועלט, אין יענע קרייזן האָט זי געפונען איר גייסטיקע מנוחה. דערפאַר איז איר גרינג אָנגעקומען די באַקאַנטשאַפט מיט די ייִדישע שרייבער און קולטור־טוער אין אונדזער שטאָט לאָס אַנדזשעלעס.

גאָלדע איז געווען אַ מקורבת צו אַלע קונסטן: צו מוזיק, טעאַטער און גראַפיק.

גאָלדע האָט פאַרמאָגט דעם שטאַרקן ווי ל ן, ווי זיך צו מאַכן נוצלעך פאַרן ייִדישן פאָלק. זי האָט פאַרמאָגט אַ פיינעם חוש פאַר די שיינקייטן אין לעבן.

איר איז אָנגעקומען גרינג צו באַקענען זיך מיט מענטשן און דערווערבן אַ סך

---

ישראל גופא, ווייל קיין גוטן נאָמען פאַר ישראל מאַכן זיי ניט...

## אַ פונק ליכט ביי דער היגער יוגנט

דאָס וואָס מיר האָבן דאָ עגמת נפש פון די ישראלים, ווערט פאַרגיטיקט פון אַ גאַנץ באַדייטנדע צאָל פון אונדזערע אייגענע יונגע מענטשן. אַ כוואַליע פון דריטע סדרים איז פאָרגעקומען ביי אַ סך יוגנט־גרופּן, מיט פיינע קולטור־פּראָגראַמען, מיט אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם באַפרייאונגס יום־טוב, וואָס מיר האָבן דאָס פריער ניט געהאַט. אַזעלכע צוזאַמענקונפטן האָבן דורכגעפירט סטודענטן־גרופּעס, אַ יונגער צווייג פון אַרבעטער־רינג אין סאַן פראַנציסקאָ, פון הבונים. דעם יום־טוב פּסח האָט מען געפילט אין די בעי־סיטיס, ווי מיר רופן אָן אונדזערע שטעט און שטעטלעך אַרום.

דערצו די פריידיקע דערשיינונג פון דער גרויסער צאָל גאָר יונגע מענטשן וואָס פאָרן קיין ישראל פאַר אַ לענגערע צייט. אָט־די יונגע חברה וועלן איינשטיין אין קיבוצים, וואו זיי וועלן טיילווייז אַרבעטן און טיילווייז אַרומפאָרן איבערן לאַנד. קומענדיק צוריק וועלן זיי אָפּגעבן באַריכטן וועגן ישראל.

ווייזט אויס אַז די ערד באַוועגט זיך דאָך...

פריינד. זי איז אין אירע ייגנערע יאָרן נאָך געוואָרן אַ חסידה פון דער יידישער ליטעראַטור און האָט אַלע מאָל פאַרהערלעכט יידישע שרייבער. זי האָט זעלטן אויסגעמיטן אַ לעקציע אָדער אַ פאַרזאַמלונג, וואָס האָט פאַרמאָגט יידישן אינהאַלט. דערביי איז זי געווען פון די ערשטע אָפּצוגעבן כבוד און אנערקענונג דעם קינסטלער פאַר זיינע דערגרייכונגען, דערפאַר וואָס ער באַשיינט דאָס יידישע לעבן. ווען גאָלדע האָט וועמען אָפּגעשאַצט צם גוטן, האָט זי איר מיינונג אַרויסגעזאָגט אַז אַנדערע זאָלן דערהערן.

גאָלדע איז געווען שטאַרק אָנגעזען אינעם יידישן קולטור־קלוב און האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַקציעס לטובת דעם קלוב. זי איז אויך געווען אַ מיטגלידערין אין אַנדערע קולטור־גרופּן דאָ אין שטאָט.

מיר ווייסן, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרמאָגט מענער און פרויען וואָס האָבן זיך איבערגעגעבן צו טאָן כלל־אַרבעט. אָבער אַזעלכע האָבן צו מערסטנס אין זינען געהאַט דעם כ ל ל. און פאַרן פ ר ט (דעם יחיד) האָבן זיי ניט געדאגהט.

נאָר גאָלדע די כלל־טוערין אינעם יידישן קולטור־לעבן האָט געקאָנט דערזען דעם יחיד (דעם איינצעלנעם אויך). אָט־אָ־דאָס איז נאָך אַ העכערע מדרגה — עס איז לויט י. ל. פרץ, אַן „אויב ניט נאָך העכער.״..

גאָלדע איז געווען פון די מכניסי אורחים דאָ אין שטאָט. ביי איר איז די שטוב תמיד געווען אָפן פאַר אַ קולטור־אונטערנעמונג. זי האָט געקענט צוגרייטן אַן אויפנאַמע לכבוד דער יידישער ליטעראַטור, אַן אויפנאַמע פאַר אַ שרייבער, סיי פאַר אַ היגן און סיי פאַר אַ געקומענעם גאַסט. גאָלדעס אַדרעס איז שוין באַקאַנט געווען מחוץ לאָס אַנדזשעלעס.

זי האָט דעם גאַסט־שרייבער דערנעענטערט צום לייענער און אים געהאָלפן פאַרקויפן זיינע ביכער — פריער אַליין קויפן, אָדער זיך ביישטייערן, דערנאָך האָט זי געמאַכט אַנדערע זאָלן טאָן דאָס זעלביקע.

ווען עס זיינען אַהער געקומען די הירשביינס און זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט, איז גאָלדע געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע אַריינגייערין צו זיי; זי האָט אויף איר אויטאָ אַרומגעפירט זיי וואוהין נאָר זיי האָבן געדאַרפט פאָרן. פאַר איר איז עס ניט שווער געווען צו טאָן, ווייל זי האָט עס געטאָן מיט ליבשאַפט.

איך דערמאָן זיך, איך האָב שוין געוואוינט דאַן אין אָנטאַריאָ אין יענער צייט פלעגן אָפט קומען קיין ל. א. באַוואוסטע יידישע שרייבער. פלעגט גאָלדע, ווי אַ פאַרערערין פון די שרייבער, אַרומפירן זיי, באַקענען זיי מיט די שיינקייטן פון קאַליפאָרניע — אין שטאָט און אויסערן שטאָט, אפילו אַזוי ווייט ווי ביז אָנטאַריאָ.

אַזוי האָט זי זיי געברענגט צו מיר אויך, איך זאָל זיך באַקענען מיט יעקב גלאַטשטיינען, מיט לייוויקן, מיט ל. שאַפּיראָ, מיט י. י. זינגער, מיט שלום אַשן, מיט פּינסקין. היינט די היגע שרייבער? די רויזענבלאַטס, די מיללערס — גאַנץ אָפט. און די הירשביינס? — זיי פלעגט זי ברענגען צו מיר אין שטוב אַריין כמעט יעדע וואָך. ביי גאָלדען איז עס געווען דאָס גרעסטע פאַרגעניגן.

איך האָב פריער געזאָגט, אַז גאָלדע האָט געוואָלט טאָן עפּעס פאַר דעם יחיד; דאָס ווייטערדיקע וועט עס באַשטעטיקן:

אין אַ זומער־טאָג איז גאָלדע געקומען אויף אַ פּאָר טעג זיך אָפּרוען אין דעם זומער־פּלאַץ :פּאַראַדייז.״ איז זי אין אַ נאָכמיטאָג אַריינגעקומען צו מיר צו־גאַסט. איך בין געווען פאַרנומען ביי מיין אַרבעט, איז זי אַריין אין דעם צווייטן צימער, זיך געזעצט עפּעס לייענען. דערוויילע האָט זי דערזען מיין צוגעדעקטע שרייבמאַשינקע. איז זי צוגעקומען צו מיר און געפרעגט: „משה, איר האָט שוין אויפגעהערט שרייבן אויף דער שרייב־מאַשין?״



זאָג איך: „ניין. די שרייב־מאַשינקע איז צעבראָכן געוואָרן. ווען איך וועל אַריינפאָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס, וועל איך זי מיטנעמען דאָרטן צו פאַרריכטן, ווייל דאָרטן וועט מיר קאָסטן ווינציקער.״

האָט גאָלדע גאָרניט געזאָגט. זי איז אַוועק פון מיר. אַז איך האָב אָפּגעטאָן מיין אַרבעט, האָב איך באַמערקט ווי זי האָט דורך דער הינטער־טיר אַרויסגעטראָגן מיין טייפּרייטער און זי איז אַוועק אין שטעטל. דאָרטן האָט זי עס פאַרטראָגן צו אַ פאַכמאַן און אין אַ פּאָר שעה שפּעטער איז זי צוריקגעקומען מיט דער פאַרריכטער שרייב־מאַשינקע. אָט דאָס האָט געקאָנט טאָן נאָר גאָלדע.

גאָלדע האָט פאַרדינט איך זאָל דערציילן פון נאָך אַן עפּיזאָד, וואָס זי האָט געטאָן צו מיר — און דאָ איז די פּאַסיקע צייט דאָס גוטע צו דערמאָנען.

גאָלדע איז אַמאָל געקומען מיט נאָך אַ צאָל פריינד. אַ זונטיק איז עס געווען. מען איז אַלע געזעסן אין מיין גאָרטן, אונטערן שאָטן־בוים, און גערעדט. איז דאַן אויסגעקומען צו דערמאָנען די „יאָרן״ ווען מען איז געבוירן געוואָרן.

האָט גאָלדע אָנגעשטעלט אירע אויגן אויף מיר. ס׳איז געווען קענטיק אַז זי האָט עפּעס פאַרטראַכט. אָבער זי האָט גאָרניט געזאָגט.

אַ דריי מאָנאַטן שפּעטער טעלעפאָנירט גאָלדע און זי בעט מיך איך זאָל קומענדיקן זונטיק ביי־טאָג קומען צו איר אין שטוב אַריין: עס איז צו איר געקומען אַ גאַסט פון ניו־יאָרק, און זי מיינט אַז איך דאַרף מיט אים זיך באַקענען.

בין איך געקומען. אַריין אין שטוב, זע איך טאַקע אַ היבשע צאָל פריינד. איך קען זיי אַלעמען. אָבער ווער איז דאָ דער גאַסט? פרעג איך גאָלדען. זאָגט זי צו מיר — דער גאַסט זענט איר, משה ! מיר ווילן אייך באַגריסן צו אייער זעכציקיאָריקן געבוירן־טאָג !...

צי דאַרף מען האָבן נאָך ווערטער?... אָט אַזאַ איז גאָלדע געווען. אַ גרויסער צער וואָס זי איז מער נישטאָ...

ברכה קודלי

## אַ בוים וואָס וויינט אויף אַ קבר

(צו דעם דריטן יאָרצייט פון ליזאַ שאָר)

אַמאָל זעסטו
אין ווייטן גרינעם פעלד
שטייט אַ בוים —
דער קאָפּ געבויגן,
די אָרעמס אַראָפּגעלאָזט,
די בלעטער
אין טונקלקייט אַריינגעצויגן.

אין פאַרשמאַכטן געמיט
זעט ער אויס ווי אַ וועזן,
וואָס האָט אַ געפיל
און וואָלט עפּעס געמיינט
און כאָטש ער איז שטום,
ווייזט זיך דיר אויס
אַז ער וויינט.

אַ ניט-דערלעבטן חלום
באַוויינט דער בוים,
דעם געוועזענעם, פאַרלאָשענעם,
העלפן די צווייגן
שווייגן־ שווייגן.

דו זעסט ממש
ווי דער בוים געבערט אַ טרער,
וואָס זאַפּט זיך איין
דורך ערד,
פליסט אַרונטער אויפן אָרון
און אויף יאָרן
פאַרשניטענע יאָרן.

נישטאָ מער אויף וואָס צו האָפן,
שעפּטשעט דער ווינט,
צי קען דען עמיץ אויסמיידן
דעם לעצטן האָפן...

מיר דריקן אויס אונדזער טיפן צער
און מיטגעפיל צו חברה

פעי סאַפּיאַן
און משפחה

אויפן גרויסן פאַרלוסט וואָס זיי האָבן געליטן דורך דעם פריצייטיקן און אומגעריכטן טויט פון אונדזער אַלע־מענס אומפאַרגעסלעכן חבר און פריינד

יצחק סאַפּיאַן ז״ל

זאָל צער אייך אויסמיידן אין דער צוקונפט.

זוסמאַן און יעטאַ בונין
אריה און בעלאַ פּאָזי

---

מיין טיפסטן מיטגעפיל אייך,
ליבע פריינדין

פעי סאַפּיאַן
און משפחה

אויף דעם גרויסן פאַרלוסט פון אייער ליבן מאַן, פאָטער און ברודער

יצחק סאַפּיאַן ע״ה

אייער אבידה איז אויך מיין אבידה.
ווערט געטרייסט.

ראָוז באַלאָט

---

אַלע מיטגלידער פון

ה. רויזענבלאַט לייען-קרייז

דריקן אויס זייער טיפסטן צער און מיטגעפיל צו

חברה פעי סאַפּיאַן
און משפחה

אויפן פריצייטיקן טויט פון זייער ליבן און חשובן מאַן, פאָטער און ברודער

יצחק סאַפּיאַן ע״ה

געפינט טרייסט אין דעם גוטן נאָמען וואָס ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט.

גאָסי סאַרטאָ, סעקרעטאַר

---

אַלע מיטגלידער פון

י. י. שוואַרץ לייען-קרייז

באַטייליקן זיך אין דעם טיפן צער פון

פעי סאַפּיאַן
און משפחה

אויף דעם גרויסן פאַרלוסט פון זייער מאַן, פאָטער און ברודער

יצחק סאַפּיאַן ע״ה

פון טיפן האַרצן ווינטשן מיר אייך איר זאָלט מער פון קיין צער ניט וויסן.

ליבע פריינד

**פ ע י ס אַ פ י אַ ן**

**און משפחה**

מיר דריקן אייך אויס אונדזער טיפן צער און מיטגעפיל אויף דעם טויט פון אייער מאַן, פֿאָטער און ברודער

**יצחק סאַפיאַן ע״ה**

וועלכער איז געווען באַליבט און געאַכטעט פון אַלעמען וואָס האָבן אים געקענט.

יהי רצון אַז איר זאָלט געטרייסט ווערן און מער קיין מאָל קיין צער ניט האָבן.

**יצחק און חיה ניומאַן**

---

ליבע פריינד

**מ ר ס. פ ע י ס אַ פ י אַ ן**

**און די גאַנצע פאַמיליע**

איך מיט מיט אייך אין טרויער אויף דעם פריצייטיקן טויט פון אייער ליבן מאַן, פֿאָטער און ברודער

**יצחק סאַפיאַן ע״ה**

זייט געטרייסט און געשטאַרקט!

**סטענלי בונין**

---

**In Memory**

of our dear and beloved friend

**ISAAC SAFIAN**

P. and LUCY De SANTO

Waterbury, Conn.

---

**To the Memory of our Brother**

# MATTES DEITCH

**REV. MOSHE DEITCH, Chicago**

**EMIL DEITCH**

**CHAIM (HOWARD) DEUTSCH**

**WILLIAM DEITCH, Los Angeles**

**Tied to us by brotherhood of flesh and mind.**

אין נאָמען פון אַלע מיטגלידער

פון

# לאָס אַנגעלעסער ייִדישער קולטור קלוב

דריקן מיר אויס אונדזער טיפן צער און מיטגעפיל צו

## חברה פּעי סאַפּיאַן
## און משפּחה

אויף דעם פאַלוסט פון זייער מאַן, פאָטער און ברודער

# יצחק סאַפּיאַן ע״ה

וועלכער איז געווען איינער פון די חשובסטע און באַליבסטע פירער פון אונדזער קלוב, אַ מיטגליד פון פּרעזידיום, עקזעקוטיוו סעקרעטאַר און אַ פאַרוואַלטער פון „חשבון".

זאָלן די אבלים געפינען טרייסט אין דעם באַוואוסטזיין, אַז זייער צער איז דער צער פון אונדז אַלעמען; אַז ער איז פון אַלעמען געווען באַליבט און געאַכטעט, און זיין פריצייטיקער אומגעריכטער טויט איז אויך אונדזער גרויסער פאַרלוסט.

תנחום ברייס
שלמה צוקערמאַן
אברהם שוואַרץ
פּרעזידיום

סעם לעווין, פינאַנץ סעקרעטאַר
מאָריס זילבערט, פּראָט. סעקר.
מאיר לעדערמאַן,
בריוו־פאַרוואַלטער

מאַניע פאַרבער
מאָריס ווינאַרסקי
הויזפאַרוואַלטערס
נתן אזאָלין, ביבליאָטעקאַר

רעדאַקציע „חשבון:
אריה פּאָזי, רעדאַקטאָר
ז. בונין, סעקרעטאַר
י. וויינמאַן, פאַרוואַלטער